STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04175

GARBEN

Ab. Victor

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אב. וויקטאָר

גאָרבען

פּאָעמען און ליעדער

1907—1919

ליטעראַרישער פערלאַג, ניו־יאָרק

1920

Copyright by Ab. Victor
1920.

*
*   *

פון גרויסען פעלד אַ קליינעם, קליינעם טייל
האָב איך געאַקערט און געזייהט.
די קערנער האָט אַמאָל די זון פאַרברענט,
אַמאָל — דער ווינד פאַרוועהט.

און אין געבעט איך האָב די הענד געשפּרייט:
פאַרדאַרב ניט, גאָט, מיין גאַנצע מיה...
אויף רעגען אויסגעקוקט ביי נאַכט,
אויף טהויען — אין דער פריה.

און ווען געקומען איז די צייט פון שניט,
איך האָב געזאַמעלט זאַנג צו זאַנג,
אין גאַרבען איינגעבונדען זיי
מיט דאַנק און לויב־געזאַנג...

צווישען הימעל און ערד

רינגלען מיך אוראַלטע בוימער אַרום.

רינגלען מיך אוראַלטע בוימער אַרום
זיץ איך אַליין און הער צו זיך צום זשום.
טרילען די פויגלען, איז הער איך זיך איין.
פריי ווי אַ פויגעל מיר ווילט זיך איצט זיין.

בלוי איז דער הימעל און גרין איז די ערד,
ליעג איך אַזוי זיך און טראַכט אונגעשטערט.
ברענגט מיר אַ ווינטעלע דופט פון אַ בלום,
גיס איך צונויף זיך מיט אַלץ וואָס אַרום.

רוהיג דאָס וואַסער, און רונצעלט זיך קוים,
טראַכט איך אַזוי זיך און וועב מיר אַ טרוים,
אַלץ איז פאַרגעסען, די מענשען, די שטאָדט,
גיס איך צונויף זיך אין גאַנצען מיט גאָט.

1917

אין א שיפעל...

שטעהט ביים ברעג שוין גרייט די שיפעל,
זעצען מיר זיך איין צוזאמען,
וויל איך נעהמען, שטאָט דעם רודער,
דיינע צעפּ און זיי צוקאמען.

ווערסטו ברוגז, רופסט מיך שלעכטער,
בין איך גרייט דיך איבערבעטען,
זאָגסטו גאָר ניט, נור די אויגען,
דיינע אויגען גלעטען, גלעטען.

האָבען מיר מיט אלץ פארגרייט זיך,
שיפען מיר זיך פיש צו כאַפּען,
קוקען זיך מיר אין די אויגען,
און די הערצער קלאַפּען, קלאַפּען.

ליגען רוהיג שטריק און האקען,
און די פישלעך רייצען, שטיפען;
ביידע זיצען מיר פארזונקען
אין א זיסען טרוים, א טיעפען.

1917

ביים טייך...

רויט ווי צונטער ברענט דער מעריב.
ס'האַלט דער טאָג ביים שטאַרבען.
הענגט אַ נעץ פון ליכט און שאָטען,
שפּיעלען זיך די פאַרבען.

די לבנה קוקט צושראָקען
אויף די מעריב פלאַמען.
אין דעם וואַסער גאָלד און זילבער
גיסען זיך צוזאַמען.

שטיל באַוועגען זיך די וועלען,
קוים די שיפלעך הוידען.
רונד אַרום אין טיעפען ערנסט,
בוים און גראָז זיך סוד'ען.

הארציג־שטילע לויב־געזאַנגען
טראָגען זיך אין לופטען.
וואַסער־רויזען, גראָזען, בלומען
בייטען זיך מיט דופטען.

אויף די ברעגען צינדען אַן זיך
שייבלעך דורך אַ צויבער...
ווילט זיך, ווילט זיך אַזוי גלויבען,
אַז די וועלט איז זויבער...

1916

ווען די זון פאַרגעהט.

ווען די זון פאַרגעהט, און שאַרליך־ראָז
ווערען מעריב׳ס זוימען;
ווען געהילט אין בלויען ווערען בוים און גראָז, —
לאָז מיך, קינד, דאָן טרוימען.

לאָז מיך רוהען און מיין טרוים ניט שטער, —
אַט אַזוי זיך גאַרען.
גוף און גייסט אין יאָך פון טאָג — ווי שווער
איז ביי טאָג זיך נאַרען...

* * *

ווען די זון פאַרגעהט, איהר לעצטער שטראַהל
פאַרבט אין רויט די דעכער;
קום, מיין קינד, אַהין צום שטילען קוואַל
פילען אונז׳רע בעכער.

אונז׳רע בעכער, אויסגעשניצט פון גאָלד,
גלאַנצען ווי די שפּיגלען.
ווען די זון פאַרגעהט — כ׳וואָלט געוואָלט
קריגען ברייטע פליגלען.

אויף די ברייטע פליגלען איך און דו
פלאַטערען אום פרייע...
ווערען וועלטען חרוב ערגעץ־וואו,
בויען מיר אויף נייע. —

װען די זון פאַרגעהט, און כ׳זיץ פאַרטראַכט,
זעה מיין רוה ניט שטערען.
לאָז מיך טרוימען, קינד. פון שװאַרצער נאַכט
װיל איך דאָן ניט קלעהרען...

1918

אַ בין השמשות.

א.

האָבען וואָלקענס אויסגעמאָהלען
אויף דעם הימעל בערג און טהאָלען,
אַנגעשליידערט איינס אויף צווייטע;
און ביים ברעג די זון, אַ רויטע,
גיסט, באַגיסט מיט רויטען פייער
פעלד און וואַלד, און הויז און שייער.

ליעגט אַזוי דער טייך צושניטען,
מיט אַ גאָלד'נעם פּאַס אין מיטען;
שטעהען בוימער אַנגעצונדען,
קוקען ווייט אין רוים אין רונדען,
און דער ווינד — שוין אויך אַנטשוויגען,
וויל זיך מעהר מיט קיינעם קריעגען. —

שאַ און שטיל אין אַלע רוימען,
און אַליין פון זיך די טרוימען
נעהמען שפּינען זיך און וועבען,
מאָהלען שעהן און ליעב דאָס לעבען. —

ב.

שאַ און שטיל, און קיין געדרודער, —
בלויז א שיפער מיט זיין רודער
שנייט זיך פלייסיג דורך דאָס וואַסער.
הילכט עס, ווי א פּאַטש א נאַסער
פון א פּאַרעל, ווען זיי שפּיעלען,
באַדענדיג אין טייך, אין קיהלען.

ציהט דער שיפער שטיל א נגון,
הוידען זיך די אינדען, וויעגען,
אינד נאָך אינד וויעגט זיך און הוידעט,
ווי זיי וואָלטען זיך גע'סוד'עט
וועגען פישער און זיין מיידעל
אין דער רייגער, ווייסער קליידעל,
ווי זיי ליעבען זיך און קושען
ביי דעם אַלטען וואַלד צו פוסען. —

און דערווייל, די זון, ווי צונטער,
זינקט אַלץ מעהר און מעהר ארונטער,
איז די זון שוין האַלב פארשלונגען,
נור מיט פייער־רויטע צונגען
לעקט זי נאָך די וואָלקענ'ס זוימען,
און די שפּיצען פון די בוימען.

ג.

שאַ און שטיל אין אַלע שטרעקען, —
בלויז א פאַסטוך מיט זיין שטעקען

טרייבט פון פעלד אין דאָרף די סטאַדע,
און ער איילט אהיים אודאי.
צווישען הייען, צווישען זאנגען
גאנצע טעג ער הערט די קלאַנגען
וועלכע פילען אַן די וועלדער.

און דער ריח פון די פעלדער
האָט דורכאויס איהם דורכגענומען,
וויל ער איצטער גיכער קומען
צו זיין דאָרף, וואו שעהנע מיידלעך
מיט די פיעל קאָלירטע קליידלעך,
קומען טאַנצען קאַראַהאָדען,
פול מיט בלומען־קרענץ בעלאָדען,
וועט ער דאָרט זיין פייפעל שפּיעלען,
און מיט פרייד וועט ער דערפיהלען
ווייסע אָרעמס אויף זיין נאַקען,
וועט ער קושען רויטע באַקען.

און דערווייל שוין פאַרשוואונדען
איז די זון אין טיעפע גרונדען. —

ד.

אויסגעלאָשען אַלע שטראַהלען,
און די גרינע שאָטענס פאַלען,
הויבט אַ ווינטעל אַן צו בלאָזען,
פערעלט זיך דער טהוי אויף גראָזען.

קומט די נאַכט אַז פול מיט סודות,
פינקלען שטערען — שטומע עדות, —
שווימען שטערען, גאַנצע וועלטען,
פריי אין גרוימע הימעל'ס צעלטען. —

ווילט זיך אין דער לופטען רייטען,
אין דעם ברייטען רוים, דעם ווייטען,
ווילט זיך טראַכטען און באַקלעהרען,
וואָס עס טהוט זיך אויף די שטערען. —

ח.

ציהט פון ערגעץ זיך א נגון,
און די טענער גלעטען, וויעגען,
לאַשטשען, צערטלען און זיי בעטען:
„אויף מיין סטעזשקע קום צו טרעטען,
דו מיין ליעבער, דו מיין שעהנער,
שעהנער פאַסטוך, דו מיין איינער...“

און א פייפעל פון דער ווייטען
ענטפערט: „באַלד, איך קום צו רייטען
צו דיין שטיבעל, צו דעם קליינעם,
און פאַרבלייב מיט דיר אינ'איינעם
ביז דער שטרענגער טאָג וועט שיידען
אויף א גאַנצען טאָג אונז ביידען...“

ו.

שאַ און שטיל. ארומגענומען
אין א זיסען שלאָף א שטומען
שלאָפט די ערד שוין, אַטהעמט ווארעם
אויף די קינדער אין איהר ארעם.

און אין ים באָדט זיך דער הימעל,
שוויינקט אראָפּ פון זיך דעם שימעל
און דעם שטויב פון טאָג־געדרודער,
און א ריינער בלויט ער ווידער.

היילִיג שטיל אין אלע רוימען,
ווילט זיך ליעבען, ווילט זיך טרוימען,
און באהעפטען זיך מיט בלומען
ביז דער שטרענגער טאָג וועט קומען. —

1917

א זומער-פריה-מאָרגען.

דורך א נעץ פון גרינע בלעטער
אויף די צווייגען אויפגעהאנגען,
קוקט אריין מיט טויזענד אויגען
דער פריה־מאָרגען;

און מיט לאַנגע, ווייכע פינגער
גלעט ער, פיהרט ער אויף די ברעמען,
ביז עס ריהרען זיך די דעקלאַד, —
שטיל, פאַרבאָרגען.

דורכ׳ן לייב לויפט דורך א ציטער;
פול מיט תענוג שפּרייט דאָס הארץ זיך,
נעהמען זיך די גליעדער ציהען
און ערוואַכען.

קוקט דער מאָרגען, שמייכעלט רוהיג:
שטייטס, ווי קען מען איצטער שלאָפען,
און דעם פענסטער מיט א לאַדען
גאָר פאַרמאַכען? —

* * *

באַלד אפּאָללאָ קומט צו יאַגען
אויף זיין פייערדיגען וואָגען.

איהם באַגלייטען ריטער־ריעזען;
און עס גלאַנצען פּאַנצערס, שפּיזען,
שווערדען לאַנגע ווי דער גלות.

פון די ברייטע, רויטע פעלזען
הענגען פרענז און שימערירען,
ראַז און גינגאַלד די קאַלירען.

און זיי וויקלען פייער־קנוילען, —
אוים־ארוים צוויי זונען־קוילען,
איינס אין הימעל, און די צווייטע
פּאַלט אין וואַסער א צושפּרייטע.

וואַכען אויף פון שלאָף די וועלען,
און זיי פרייען זיך, און קוועלען,
וואַקסט די שמחה ברייטער, ווייטער,
ביז אַרום אַלץ ווערט הייטער.

* * *

פּאַלען שטראַהלען און זיי גלעטען
די וואָס ליגען נאַך אין בעטען,
און זיי קריכען אין די אויגען:
העי! וואָס ליגט איהר אויסגעצויגען,
חברה פעפער, פוילע יונגען?
פון געלעגער גיך געשפּרונגען
זאָל שוין ווערען, און אין דרויסען
קומט און זעהט א גאָט א גרויסען.

נאַר אין ריינעם מאָרגען, שטילען,
קען מען איהם, זיין גרויסקייט פיהלען.
שפּעטער, ווען דער טאָג ווערט עלטער,
ליגט דער גאָט שוין א פאַרשטעלטער
הינטער דיקע וואָלקענס שטויבען, —
ווילט זיך גאַר אין איהם ניט גלויבען.

* * *

בהמות, חיות, עופות, פויגלען,
פעלדער, וועלדער, בערג און טאָלען
וואַכען פריידיג אויף און קוועלען
פון פריה־מאָרגען, ראָזיג־העלען,
העל און לויטער ווי קריסטאָלען.

נאַר דער בלינדער פויך, די סאָווע,
פאַר פריה־מאָרגענ'ס בליק זיך שרעקען.
נאָסע גריבער, פייכטע הייהלען
האַלטען זייער רויב פאַרהוילען,
ס'זאָל קיין שיין זיי ניט אויפדעקען...

העי! איהר מענשען, חברה פּעפער,
קומט באַגריסען דעם פריה־מאָרגען.
טונען שטראַהלען אויסגעלאַדען,
און איהר האַלט נאָך צו די לאַדען...
זאָגט, וואָס האַלט איהר דאָרט פאַרבאָרגען?...

1919

געוויטער.

איינגעהילט אין שווארצען שלייער,
אנגעזאפט מיט כשוף־מאכט
פול מיט סודות, ווי דער זוהר
ליעגט צושפרייט די שווערע נאכט.

פון דער ווייטען שווארצט דער וואלד זיך,
ווי א בר־מנן ליעגט שטום.
און דער טייכעל ער באהאלט זיך,
און מען הערט פון איהם קיין זשום.

זעלטען, זעלטען ווען א שטערען
טהוט א פינקעל און פארשווינדט
אין דעם נעבעל אין דעם שווערען, —
און פארפלויגען איז דער ווינד.

פלוצלונג טהוט די ערד א ציטער,
טרייסעלט אויף אי פעלד, אי וואלד,
און עס הערט זיך דער געוויטער
רייט מיט שטורעם און געוואלד.

איינס... צוויי... טראפען שווערע פאלען
און פארשווינדען אהן א שפור. —
ווייט עס הערט זיך דארט א קנאלען,
שטארק צובייזערט איז נאטור.

באַלד עם בליצען פייער־שפּיזען
שניידען טיעף אין חושך'ס ברוסט; —
רוישען אויף די בוימער ריעזען,
פול מיט קאַמף איז צווייג און קוסט.

פונקט ווי טויזענד שופרות שאַלען,
גרויליך, שרעקליך איז די שלאַכט —
און עס רוישען, שטראָמען קוואַלען
ערגעץ אין דער שווארצער נאַכט.

אפּגעוואַשען איז דער שימעל,
פריש, ערקוויקענד איז די לופט,
רייך באַשטערענד לייכט דער הימעל,
און די ערד די פרישע דופט.

און א שירה האַרציג, טייער,
טראָגט זיך איבער פעלד און וואַלד:
נאָהענט ליגט דער טאָג, דער נייער,
נאָהענט, אַט ער קומט שוין באַלד.

1912

ערוואַכונג.

פאַרשוואונדען דער ווינטער,
די דריקענדע קעלט...
געקומען איז פריהלינג;
עס לעבט אויף די וועלט...

פון אונטער דעם בערגעל
זאַנפט מורמעלט דער קוואַל,
די זון שיט פון אויבען
א שטראַהל נאָך א שטראַהל.

דאָס גרעזעל באַוועגט זיך,
עס גרינט און עס דופט...
עס טרעלט און עס פלאַטערט
דער פויגעל אין לופט;

דער ווינטעל, דער שטיפער,
רייצט לוסטיג דאָס בלוט...
ווי ליעב איז זיין קושען,
זיין צערטלען — ווי גוט!

די בוימער, זיי קוועלען:
„באַלד קומט שוין דער מאַי!"
אך! גוט איז אין וואַלד יעצט,
דאָרט אָטהעמט זיך פריי.

און ס'ציהט מיך צו זינגען
א ליעד אהן א סוף:
ערוואכונג באגריסען
און וועקען פון שלאף...

1907

אַ גאַנצע נאַכט.

א גאַנצע נאַכט אַ רעגען האָט געגאָסען
און מאַנאַטאָן, און שווער געקלאָגט.
און א טומאַן האָט אַלץ ארום געוויקעלט
ווען ס'האָט געטאָגט.

דער גרינער פעלד איז פול מיט געלע פלעקען,
עס סטאַרטשען וואָרצלען שטעכיג, שטום;
פאר'גנב'עט האָט זיך אויך א געלקייט
אין וואַלד ארום.

עס לויערט שוין דער טויט און שאַרפט די צייהנער
אויף אַלץ וואָס זומער נאָך פאַרמאָגט, —
אַ שווער געמיטה צוואָוויקעלט זיך פונאַנדער
און פרעסט, און נאָגט...

1917

א שטיף און א שפרונג —

א שטיעף און א שפרונג,
א זונג און א טאנץ,
אט פלעכט איך פון בלומען
פאר דיר אויס א קראנץ.

איך שפיעל אויף מיין פייפעל
איך וועק דיך פון שלאף,
און דו ביזט בת־מלכה,
און איך פאשע שאף.

דו בענקסט אין דיין פאלאץ,
איך בענק אין מיין פעלד, —
דו ביזט מיין פרינצעסען,
און איך בין דיין העלד.

ווערט צארניג דער מלך
און יאגט דיך ארויס — —
— — — — — — — — — — — —
געענדיגט דער זומער,
די ליעבע איז אויס. —

1917

דער סוף.

גאַרבען, גאַרבען, ווייץ און קאָרן,
אויך די היי שוין אָפּגעשניטען.
רונד אַרום צושפּרייט אַן אומעט,
טויט און שטילקייט אין דער מיטען.

אין דער הויך אַ צוויטשער פלאַטערט.
און עס ציט'רען ווייטע קלאַנגען, —
צו באַזינגט דאָס, צו באַוויינט דאָס
די פאַרשניט'נע היי און זאַנגען? —

1917

גאַרבען.

אַ גרויסע, גאָלד'נע פעלד מיט גרינעם וואַלד באַזוימט
ליגט אויסגעצויגען ברייט, פון זומער נאָך פאַרטרוימט;

און קעפּ און רוקענס טויכען אין אַ זאַנגען־ים,
און פּנים'ער פאַרברענט פון הייסען זונען־פלאַם.

פאַרברווינטע הענד, מיט שאַרפען סערפּען־גלאַנץ,
באַוועגען ריטמיש זיך, ווי פרײלאַך אין אַ טאַנץ.

און פריילאַך זאַמעלט מען די זאַנגען אויף,
אין שטייפע גאַרבען בינדט מען זיי צונויף.

אַ בלויער אָוונט קומט. די שניטער מיט געזאַנג
זיי געהען שוין אהיים, — פון זונען־אונטערגאַנג

באַקרוינט, די גאַרבען בלייבען נאָר אין פעלד,
אַליין אין פרייען פעלד...

1919

* *
*

הערבסט. מיר געהען ביידע
אום אין גרינעם וואלד,
אונטער אונז די בלעטער
רוישען, א געוואלד.

הענגט א שטרענגער הימעל
איבער אונז׳רע קעפּ,
דרעהען זיך ווי שלאַנגען
דיינע שווארצע צעפּ.

געל די בלעטער זיינען,
אָפּגעלעבטע שוין,
שאָרכען זיי און כאָרכלען,
א פארשטיקט געוויין.

לאַכען מיר און שפּרינגען,
קייקלען זיך אין גאָלד...
אלע, אלע צייטען
האָבען מיר זיך האָלד.

1916

אנטקעגען מיין פענסטער.

אנטקעגען מיין פענסטער
אין נעבעל פאַרצויגען,
א בוים שטעהט אַן אַלטער
אין דרייען געבויגען.

עס היינגען די צווייגען,
נאַר דאַרע סקעלעטען...
די בלעטער — שוין געלע —
צוזייט און צוטרעטען...

פון זומער, פון גרינעם
קיין זכר געבליבען; —
די פויגלען, די זינגער,
פאַריאָגט און פאַרטריבען.

און ס׳ציטערט דער אַלטער
פון שניידענדען וועטער...
„געארבייט" א זומער,
צום ווינטער — אָהן בלעטער...

1908

עס האָט דער הערבסט זיין חן.

עס האָט דער הערבסט זיין חן.

פון גאָלד זיין שווערע קרוין;
טוט אָן דער אַלטער וואַלד;
פאַראויס ער יאָגט און שאַלט
דער רויהער, גרויער ווינד;
מיט איהם די בלעטער בלינד
צוטראָגען זיך געשווינד.

א קאַלטער רויטער שטראָם
זיך גיסט אין מעריב תהום,
און דאָרט פון מזרח זייט,
צושפרייט זיך ברייט און ווייט
א גרויער וואָלקען שווער,
און רוקט זיך אַלץ אהער,
די שפיצען פארביג רייך,
זיי שפיגלען זיך אין טייך.

אַזן באַלד אַט ווערט פארשטעלט
דאָס איינציג איינזאַם צעלט,
וואָס שטעהט אין מיטען פעלד,
ווי א פארלאָז׳נער העלד.

נאָר שטאָלץ זיך שפּיצט זיין דאַך,
פאַרנעהמענדיג די שפּראַך
פון אַלץ וואָס איהם אַרום,
כאָטש ער אַליין בלייבט שטום.

עס האָט דער הערבסט זיין חן...

1916

א שווערע נאַכט.

א שווערע נאַכט האָט בריים צושפּרייט
די שווארצע דעקען.
פון אַלע זייטען טראָגט און וועהט
מיט שרעקען.

פאַרדעקט האָט אַלץ די שווארצע נאַכט
מיט איהרע פליגעלען.
די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַרמאַכט
אויף ריגלען.

עס פרעסט און דריקט א שווערע לאַסט
אין אַנגסט, אין שטומען.
און באַלד א שטורעם קומט מיט האַסט
און ברומען.

און רוישען וועט דער שטורעם ווילד,
און שטאַרק וועט בליצען. —
דערנאָך... א רעגען ווייך און מילד
וועט שפּריצען...

1917

ס'האָט מיט אמאָל א בליץ געטאָן.

ס'האָט מיט אמאָל א בליץ געטאָן
און איז אויף גיך פארשוואונדען.
דער ווינד פארלאָשען האָט דאָס ליכט,
וואָס איך האָב אָנגעצונדען.

איך צינד מיין ליכט ניט אָן צוריק,
בלייב אין דער פינסטער זיצען,
וואָס העסליכער די פינסטערניש,
אַלס פרעכטיגער די בליצען.

און בליץ נאָך בליץ זיי פלאַמען אויף
אין אַלע הימעל־שטרעקען.
עס שפרייזט ארום א בייזער גאָט
און דונערט מיט זיין שטעקען.

פון יעדען קלאַפּ, עס ציטערט אויף
די ערד אויף איהרע זיילען;
און עמיץ שיסט אין כמארע'ס האַרץ
מיט גלוטיג־רויטע פיילען.

איך צינד מיין ליכט צוריק ניט אָן,
בלייב אין דער פינסטער זיצען,
וואָס פינסטערער עס איז ארום,
אַלץ ליכטיגער די בליצען...

1917

ניט שרעק זיך קינד.

ניט שרעק זיך, קינד,
ס׳איז בלויז דער ווינד
פארשיט מיט זאַמד די גריבער.
די׳ אויג וואָס טרעהרט
באַלד לויטער ווערט,
דער שטורעם וועט אריבער.

ניט זאָרג זיך, קינד,
אויב ס׳וועט דער ווינד
צוטרייסלען אונז׳רע שטיבער.
מיר בויען אוים
א נייע הויז
ווען שטורעם וועט אריבער.

ניט קלעהם זיך, קינד,
ווען ס׳רויבט דער ווינד
דאָס לעצט׳ וואָס אונז בלייבט איבער.
נאָך פיין און לייד,
קומט נייע פרייד,
דער שטורעם וועט אריבער...

1917

ווינטער נעכט.

אין שטוב.

דער פראָסט איז שטאַרק,
און שנייען בערג
פאַר טיר און טויער ליגען.
וואָס וויל אצינד
דער בייזער ווינד
מיט זיין כל־נדרי ניגון?

ס'איז שטיל אין הויז;
די מאַמע בלויז
רעדט ווען א וואָרט צום טאַטען.
די זאַק אין האַנד
טאַנצט נאָכאַנאַנד
ביים לעמפעל־שיין דעם מאַטען.

און אין דער שטיל
גרילצט אויף א גריל,
די קינדערלעך זיי קוועלען.
די מאַמע לאַכט;
דער טאַטע טראַכט:
וואָס קינדער קען געפעלען...

אין גאַס.

דער פראָסט צוקנייפּט אי נאָז, אי באַק,
אי אויער, — א מחיה;
און מונטער ברויזט דאָס יונגע בלוט,
א ווייסע גאַס, א נייע.

איך לויף געשווינד צו „ליעבסטער׳ס" הויז
זי פיהלען וועט מיין קומען;
כ׳וואָלט דורכ׳ן שויב געוואונקען איהר,
פארשטעלען ווינטער׳ס בלומען.

פון פוס אויף פוס איך טאַנץ אזוי
אין ווער שוין אומגעדולדיג, —
טוט באַלד א סקריפּ פון זייט די טיר,
זי קומט ארויס, ווי שולדיג;

„די מאַמע..." כ׳לאָז ניט ריידען מעהר,
עס ברענט א קוש, א פייער.
„איך האָב א שליטען שוין באשטעלט,
א פערד — א ווינד א פרייער."

און באַלד אין שליטען זיצען מיר,
מיט לאָבעדיגע אויגען;
א נעהם די לייצעם אין דער האַנד
און פליה — א פייל פון בויגען.

איך לאז די לייצעס הענגען לויז,
זאל שליטלען זיך געשווינטער;
שוין אויסען שטאָדט, די לעצטע הויז
פארשוואונדען ווערט אהינטער.

אין פעלד.

לבנה ליכט און שטערען שיין,
און פעלד און וואלד אין קיטלען
דער גלאַנץ פון וועג, — איין זילבער פאס,
א חיות זיך צו שליטלען.

קלינג, קלינג! קלינגט פרעהלעך דער געשפּאַן,
די פערדלעך — אדלערם פליהען.
דער זיידע פּראַסט ער פארבט אונז ראז,
ווי שעהן די בעקלעך גליהען! —

אויף בארג און טהאל עס שימערט, גלאַנצט,
באשפריצט מיט ווייסע פונקען;
און איבער אונז, אין בלויען ים
די שטערענדלעך זיך טונקען.

נור איך און דו, און קיינער מעהר,
פארטיעפט אין פרומען שווייגען;
אונז בענשענדיג האט אויסגעשפּרייט
דער אלטער וואלד די צווייגען.

באַשיט מיט בליטהען אונז די קעפּ,
באַציערט מיט זילבער קראַנצען;
קלינג־קלינג... די גלעקלעך — איין מוזיק
און בלויע שאַטענס טאַנצען.

און ווייטער, ווייטער פליהען מיר
אין וואונדער־שעהנע רוימען;
ס'איז הייליג שטיל, — און שווייגענדיג
מיר וועבען אונז'רע טרוימען...

1917

ר ו ת.

דער טאג איז צו ענדע. פארלאשען געווארען
די שטראהלען די לעצטע. עס שטארבט
דיי לעצטער גערויש פון טומעל דעם שווערען,
און אלץ ווערט אין דונקעל געפארבט.

און שטיל רוקט די נאכט זיך, אט קומט זי צושוועבען,
די פליגלען, די ברייטע צושפרייט;
און זיסע חלומות זיי נעהמען זיך וועבען,
און אלעס אין לוסטען פארגעהט.

ארום ווי פאר־כשוף'טע מורמלען די בלעטער,
דערצעהלען אן אייביגען סוד,
דערצעהלען פון עבר, פון איצט און פון שפעטער,
פון ליעבע און לעבענס גענאד.

א באלזאם א זיסער דערקוויקט מיר מיין גומען,
און בויגיג מיר ווערט יעדע גליעד,
פון הימעל מלאכים ארונטער געקומען
און זינגען א הערליכעס ליעד. —

1912

אין די בערג

1914, 1915

(מײַן שרה'ן).

* *
*

מארמאר־פאלאצען און זילבערנע טורעמס
שיינען אין אייביגען גלאנץ.
שטאלץ ווי די פעלזען, וואס לאכען פון שטורעמס,
שימערט פון שנייען א קראנץ.

רונד־ארום ריזען אין פראסטיגען שווייגען
שטעהען מיט שניי־היט באדעקט;
נאקעט די לענדען, — אין בליהענדע צווייגען
האלטען די פיס זיי פארשטעקט.

הוילע זיי שטעהען און פריהרען די ריזען,
ביז אין דעם מארגען אריין.
קומט אז די זון דאן און שטעכט זיי מיט שפיזען,
גיסען זיי טרערען פון פיין.

כאפען די טאלען די טרערען באצייטען,
בייטען אויף בלומען זיי אוים. —
ווינטער און זומער אז אויפהער דא שטרייטען,
שעהן דער געפעכט איז און גרוים...

טעמפעל רואינען

חויכע בערג אין לאַנגע קייטען,
וואו דאָס אויג נאָר זעהט.
לויערען די טיעפע אָבגרונדס,
וואו דער פוס נאָר טרעט.

שעהן, פאַנטאַסטיש אָנגעשליידערט
ליגען קופּעס שטיין.
זעלטען־וואו א דאַרע בוימ׳ל
יתומ׳ט זיך אליין.

ס׳הערט זיך ערגעץ רוישט א וואַסער,
זוכסט עס ארום זיך ;
טוט א שיין א זילבער שנירעל
און פארשווינדט אויף גיך.

פון די בערג די שפּיצען קוקען
שטום אין הימעל־רוים,
טראָגען טיעף אין זיך די סודות
פון אַן אלטען טרוים.

*   *   *

ס׳האָבען געטער דא געהוליעט
לאַנג צוריק, גאַנץ לאַנג ;
ווילד געשטורעמט האָט אַן אָרגעל
מיט א גרויל־געקלאַנג.

בערג און אבגרונדס ווילד געהוידעט
האבען זיך צום טאקט,
אלטע פעלזען פון התפעלות
האבען זיך צוהאקט.

גיהנום'ס בראנד האט דא געפלאקערט,
קיינמאל ניט גערוהט,
ס'האבען בערג געשפיגען פייער,
און געפלייצט מיט גלוט...

איצט איז אלץ שוין אויסגעלאשען;
קאלטער, שטומער שטיין.
ערגעץ־וואו נאר דארט א צווייגעל
יתום'דיג, אליין.

דער רייטער.

ווי א שלאנג געדרייט דער וועג איז,
בײ דעם ברעג פון טייך.
און ארום איהם שוועבען בילדער
וואונדערליך און רייך.

שווימיג רײזעלט זיך דאס טײכעל —
מילד און ליב זיין שפראך;
אין דער נידער טראגט ער ברכות
פון די בערג אסך.

אין דער נידער, הארט ביים פעלזען
איינזאמט זיך א הויז;
דורך דעם פענסטער מיט א שמייכעל
קוקט א פרוי ארויס.

מיט איהר האנד זי מאכט צו וועמען, —
ווער איז דארט איהר העלד? —
אויף א פערד א יונגער רייטער
טראגט זיך אום אין פעלד. —

די ראַקי-בערג.

די „ראַקי"-בערג. אָט איז דער „פּייק-שפּיץ",
וואו ווייסע ווינטען ווירבלען אום.
דאָרט אויף א טראָן פון אייז און שנייען
א קאַלטער גאָט זיצט בייז און שטום.

צו זיינע פיס די טאָלען ליגען,
אזש ביז צום צווייטען באַרגענקייט ;
און דורך געוועבט מיט זילבער שנירען
א גרינער טישטוך ליגט פאַרשפּרייט.

דאס פלעגט אמאָל א שמייכעל וועקען
ביים קאַלטען גאָט, אויף זיין געזיכט ;
דאן פלעגט ער מיט זיין „פּייק" זיך שפּילען
און באַגיסען איהם מיט ליכט.

נאר זינט עס זיינען אָנגעקומען
די מילבען-פעלקער און פאַרפלעקט
דעם שעהנעם, רייכען גרינעם צודעק, —
ער האָט זיין פּנים צוגעדעקט.

זינט דאַן, ארום דעם שטאָלצען „פּייק"-שפּיץ
נאָר ווייסע שטורעמס בלאָזען אום,
און אויף זיין טראָן פון קאַלטע שנייען
א בייזער גאָט זיצט גרוי און שטום. —

דרימלענדיג.

מאָך און שטײן, און נאָדעל־בוימער
מידען ס׳אויג באַלד אײן. —

פּלוצלונג באַנדעס רויטע חברה
רײסען זיך אַרײן.

פּייל און בויגען, האַק און מעסער
מיט אַ קאַלטען גלאַנץ;
שטײפע פּויקען הילכיג רופען
צום מלחמה־טאַנץ.

און די קולות גרילציג שרײען;
קלײבט מען צווײגען אויף.
הענד און פים געבונדען — וואַרפט מען
אײנעם גלײך אַרויף.

אין אַ קרײז די ווילדע טאַנצען,
ענגער, ענג אַרום.
און דער קרבן ליגט פאַרגליווערט,
איז פון טויט־שרעק שטום.

שטעהט דער „גרויסער טשיף״ מיט שאַרפען
גאָפּעל אין דער האַנד;

צו דער בראַטען איז שוין פאַרטיג
פּרופט ער נאָכאַנאַנד...

— — — — — — — — — — — —

„ס'לעצטע מאָל מען רופט צו „דינער"
שרייט א שוואַרצער הויך;
און דער בלוטיג־רויטער חלום
פליהט אוועק ווי רויך.

יוטאַה.

דו פעלזענלאַנד פון יוטאַה,
זאָג, וואָסער גרויסער ריעז
האָט דיך אַזוי צוטרייסעלט,
צולעכערט מיט זיין שפּיז?

ניט אַנדערש, נאָר טיטאַנען,
אין זייער צייט־פאַרטרייב.
געשפּילט מיט דיר זיי האָבען
און אויסגעקנייפּט דיין לייב;

און אפשר גאָר מלחמות
געפיהרט דאָ אויף דיין שוים,
ווי פּילקעס, בערג געשליידערט
און פעלזען ריזיג־גרוים;

און האָבען זיי'רע נעמען
טיף אין דיין ברוסט פאַרקריצט,
צורונצעלט דיר אין טאָלען
און הויך די בערג פאַרשפּיצט;

דער שטן האָט פאַר לילית
א גליטש אויף דיר געמאַכט.*)
מאַרמאַנענלאַנד, דו רויהע,
ווי גרויס דיין צויבער־פּראַכט!

און וואַסאַטש, בארנארדינא,**)
זיי מאַכען דיך אויך שעהן.
פלינק מוזען דיינע זיהן זיין,
די טעכטער — פול מיט חן. —

*) טייפעל'ס גליטש.
**) בערג־קייטען.

לייק-טאַהאָ.

אין האַרץ פון די גרויסע סיערראַס,
צו ריזיגע בערג אַנגעקייט,
דער שעהנער לייק־טאַהאָ צוֹאוויגט זיך
אויף מיילען און מיילען צושפּרייט.

מיט זיינע פּילפאַרביגע שטראַמען
ער ז'צווישען די שניי־בערג א בלום,
מיט בליטהען און ווייכע געוויקסען
באַדעקט זיינע ברעגען ארום.

אַמאָל ווערט דער טאַהאָ קאַפּריזנע,
געדויערט דאָס נאָר א מינוט;
זון־מאַמע, זי טוט נאר א שמייכעל,
קינד־טאַהאָ שוין רוהיג און גוט.

פון אויבען א טיעף־בלויער הימעל,
ארום די סיעררעס — פאַרטראַכט,
און אונטען דער ליעבער לייק־טאַהאָ
שטיל וויגט זיך, און פרייהט זיך, און לאַכט. —

דער אָדלער-פעלז.

אין דעם לאַנד פון קאַליפאָרניע,
וואו מאַראַנצען בליהען,
האָט אַמאָל אַ גרויסער אָדלער
זיך געלאָזט פאַרפליהען;

האָט פאַרלאָזען זיינען פעלזען
מיט די שאַרפע קעלטען,
און גענומען צווישען פאַלמען
בויען נעסט־געצעלטען.

זיינען אַלע קליינע זינגער
שטום פון שרעק געוואָרען.
האָט דער זון דאָס גלייך פאַרדראָסען
און זי ברענט פון צאָרען.

האָט דער אָדלער זיינע פליגלען
אויסגעשפּרייט צו קיהלען,
ביז ער האָט פאַרנעצט די שפּיצען
אין דעם ים, דעם שטילען.

וויל דער ים דעם אָדלער'ס העזה
ניט פאַרטראָגען מעהרער,
נעצט ער דורך די פעדער־פליגלען,
מאַכט זיי נאַסער, שווערער.

פיהלט דער אָדלער, באַלד פאַרשלונגען
ווערט ער אין די תהומ'ען,
רייסט ער זיך מיט אַלע כוחות,
הייבט זיך צו די רוימען.

צו זיין אַלטע היים צוריק שוין
וויל ער גיכער ציהען;
זיינען אויסגעווייקט די פליגלען,
איז איהם שווער צו פליהען.

און די זון, זי בראַט און בריהט איהם,
הייסער, הייסער, רויטער...
אויף א וויסטען פעלז דער אָדלער
פאַלט אראָב, א טויטער.

אַלץ ארום עס בליהט און פרייט זיך,
זיסע ריחות דופטען,
און די קליינע זינגערס שפּילען,
צווייטשערען אין לופטען.

בלויז דער אָדלער־פעלז ליגט נאַקעט
און פאַרשפּרייט נאר שרעקען;
דער געשטאַלט פון טויטען אָדלער
שוואַרצט זיך נאָך אין פלעקען. —

צוריק צום מזרח לויפט דער צוג.

צוריק צום מזרח לויפט דער צוג
און הודיעט אין די שפּאַלטען,
און אַלץ איז וויסט, און לער, און שטום
אין קיניגרייך אין קאַלטען.

נאָך בושעוועט דער ווינטער דאָ,
כאָטש פריהלינג ז'שוין געקומען.
אין גרויסע פליטער פאַלט דער שניי,
דער ווינד וויל ניט פאַרשטומען.

און ברייט, און ווייט א מדבר ליגט
אין ווייסען איינגענורעט.
גאַנץ זעלטען פליהט א שטוב פאַרביי
פון רויך פאַרשוואַרצט, פאַרכמורעט.

פון פענסטער טוט אן אויג א גלאַנץ,
פון צווישען די פאַרהאַנגען,
און קוקט, און זוכט, און באַלד פאַרשווינדט,
פאַרשווינדט אין שטילען באַנגען.

איך פרעס זיך צו צום קאַלטען שויב
און קוק זיך אויך ארום'עט.
און טרויריג־שטיל אין האַרצען קריכט
א נאַגענדיגער אומעט...

היים-וועה.

האָט זיך אלץ ארום געביטען
מיט אמאָל און ווי באצויבערט;
בארג אראָב אונז אדלערס טראָגען,
און אנטקעגען גרין צושויבערט

ליגען שטרעקען ווילדע גראָזען,
טוט דעם אָטעם אזש פארכאפען
פון געמישטע זיסע ריחות; —
און די רעדער פריילעך קלאפען.

און ארום מיט זילבער קראַנצען
שטעהען ציילען שטאָלצע ריזען;
שיסט אויף זיי די זון מיט שטראהלען,
ווארפען זיי צוריק מיט שפּיזען.

שפּיגעלט זיך דאָס אָב אין לופטען,
ווי א שפּיל פון פייל־און־בויגען;
בלייבסטו זיצען ווי פאר'כשוף'ט,
קענסט ניט אָברייסען די אויגען.

קוקט דאָרט איינע מיט א שמייכעל
דורך דעם פענסטער פון איהר ווינקעל,
און א שטילע טרעהר, א ריינע
טוט אין שעהנעם אויג א פינקעל...

טונעלען.

עס לויפט דער וועג צום וואלקען
און לעכערט דורך א בארג,
און באלד ער שפרינגט שוין ווידער
א צווייטען אויפ'ן קארק.

דארט טוליעט זיך א דערפיל
צופוסענס ביי א ריז ;
ער היט עס ווי א ריטער
מיט זיין פארשארפטען שפיז.

פון פעלז און שטיין געשטאלטען,
געשפענסטער אלערליי, —
אט דוכט זיך-זיי אנטלויפען,
אט ווידער קומען זיי.

און ס'דוכט זיי ווילען עפעס
דערציילען אין געהיים,
א מעשה פון פארצייטען,
א סוד פון זייער היים.

*   *
*

אלץ העכער עס דראַפּעט דער וועג זיך, גאַנץ הויך,
די מעכטיגע רוקענס אַריבער.
עס רויכערט אַ שפּאַלט וואו איז בלויליכען רויך.
און מורא'דיג גלאַנצען די גריבער.

איינס איבער דער צווייטער צוויי שטיבלעך, צו דריי,
זיי הייננען ווי אָדלערשע נעסטען.
און טאָלען, טאָלען פול צויבער עס פליהען פאַרביי,
ווער קען זיי'רע טיפקייטען מעסטען?

און דאָרט שיסט אַ גייזער צום הימעל מיט שוים,
צושיט זיך אין טויזענדער פונקען; —
דו קוקסט און דו וואונדערסט: עס גלויבט זיך דיר קוים,
און זיצסט ווי אין חלום פאַרזונקען.

און אָט זעצט די זון זיך, די גאָלדענע זון,
אין גאָלדענעם מעריב אַרונטער,
און וואַרפט מיט קאָלירען, אַ טון נאָך אַ טון,
דער הימעל ביז האַלב איז ווי צונטער.

און אָט קומט די נאַכט שוין; פון באַרג־גאָט געבראַכט,
די שטערען, צושאָטען אין רוימען,
און שלעפערט די בערג איין, פאַרדעקט זיי מיט פּראַכט,
פאַרשליסט זיי די אויגען מיט טרוימען. —

אויפ׳ן סאָלט לייק.

1

זאַלץ די לופט, און זאַלץ דאָס וואַסער,
שווער די בערג אַרום.
אין דערמיט אַ צוג אַ לאַנגער
טראָגט זיך מיט אַ ברום.

ביי די זייטען שווערע כוואַליעס
קאַטשען זיך קוים, קוים.
מיט געזאַלצ׳נע צינגער לעקען
זיי פון וועג דעם זוים.

אויף די כוואַליעס קוים וואָס הוידעט
זיך אַ שיפעל—קליין;
אין דער הויך אַ רעשטיל וואָלקען
וואַנדערט אום אַליין. —

פאַרנאַכט.

2

ווי אַ שפּיגעל גלאַט און רוהיג
ליגט דער „סאָלט־לייק“ אויסגעצויגען.
און קאָלירען אין זיין וואַסער
שפּילען ווי אַ רעגענבויגען.

ביים אוועק געהן האט די זון דאס
איהם אזוי באפוצט מיט שטראהלען ; —
דורכט זיך אוים, דער לייק, דער טויטער
א געזאנג וועט באלד אויסשאלען...

גרויע טענער

* *
*

ווען מארגען קומט, און צונטער־רויט
ציגדט אן זיך הימעל'ס מזרח־זייט;
ווען וועלט וואכט אויף פון ווינטער־טויט;
ווען פעלד צוגרינט זיך בריים און ווייט.—

ווען נאכט פאלט צו, פול פריהלינג'ס זאפט,
און ס'טהויען זיך די גראזען שטיל;
ווען וואלד ווערט פול מיט צויבער־קראפט;
ווען „שכל" שווייגט, און ס'רעדט געפיהל...

דאן פאל איך צו — צו דעם פאפיער,
פארטרוי איהם אלץ וואס דריקט אין מיר,
פארטרוי מיין פרייד, מיין צער...
קיין לויב־געזאנג ערוואַרט איך ניט,
דעם נארען'ס שפאט — דאס ארט מיך ניט,
מיין ליעד נאר איז מיין שכר. —

1910

בלומען און דערנער.

ניין! ניט פון די דופטענדע גערטנער און פעלדער,
און ניט פון באַצויבערטע אוראַלטע וועלדער
איך האָב דיר די קראַנצען געבראַכט.
איך האָב זיי געפלאָכטען אין חושך, אין ענגשאַפט,
באַטהויט זיי מיט טרערען, באַפּוצט מיט מיין בענקשאַפט —
זיי זיינען פון דערנער געמאַכט.

און רוישען וואו ערגעץ פיעל זילבערנע קוואַלען,
וואַס שפּיגלען אין זיך אָב די גאָלדענע שטראַהלען,
און בלומען פאַרפומען אַרום. —
אַהינצו, צו קומען איז מיר דאָך אונמעגליך,
עס טיילט אונז פאַנאַנדער אַ וועג אַזוי קלעגליך
און זאַמדיג און פינסטער און שטום.

עס טיילט אונז פאַנאַנדער אַ מדבר פול שטיינער,
דאָרט וואַגלען אום פיעלע, גאָר יעדער איז איינער,
פאַרוואָלקענט דער הימעל אַרום,
און בליצען גאָר פלאַמען, גאָר דונערען קנאַלען,
עס זילבערנע קיין קוואַל ניט, עס שיינען קיין שטראַהלען,
ווי קען גאָר דאָ וואַקסען אַ בלום? —

די דערנער, זיי שטעכען ווי שפּיעזען, ווי שאַרפע,
פאַרבלוטיגטע פינגער באַריהרען די האַרפע, —
און טרויעריג דאָס ליעד איז, דער טאַנץ.

איך האָב ניט קיין בלומען! — איך קען דיר נאָר געבען
וואָס איך האָב געפונען אין מדבר פון לעבען,
פון דערנער, פון דערנער א קראַנץ...

1913

ווען דאָס האַרץ וויינט...

דאָס האַרץ וויינט,
נאָר טרוקען בלייבט דאָס אויג
און שיינט מיט ווייכען גלאַנץ,
אַרום גערהט אַן דער טאַנץ,
אַ שמייכעל און אַ נויג,
דאָס האַרץ נאָר וויינט. —

דאָס האַרץ וויינט,
נאָר ליפּען שמייכלען ווייך,
און פריינדליך איז דער קוק,
און ליעב — פון האַנד דער דרוק,
דער פּנים — מילדליך בלייך,
דאָס האַרץ נאָר וויינט. —

דאָס האַרץ וויינט,
נאָר הילכיג קלינגט דער לאַך,
און ס'פּליסען זיך די רייד,
אַ קוואַל פון שטילער פרייד,
און טאַקטפול צו דער זאַך,
דאָס האַרץ נאָר וויינט. —

דאָס האַרץ וויינט,
אוןן יעדע, יעדע טרעהר,
ווי בליי צוגליהטער בריהט,
און ברייננט קיין היילונג ניט,
נאָר ווי א שטיין פאַלט שווער,
ווען ס'האַרץ נאָר וויינט...

1917

ע ר ג ע ץ...

גרויע, שווערע וואָלקענס הענגען,
קעלט און ווינטען הערשען פריי;
ערגעץ בלויט און שיינט א הימעל
ערגעץ רוהיג בליהט א מאַי.

שווארצע שאָטענס לייגען אויס זיך,
ס'שלאָגט מיט שימעל פון די וואנד;
ערגעץ שמעקען זיסע בלומען,
כ'וואָלט כאָטש איינע זיך גענומען,
קורץ נאר זיינען מיינע הענד!...

שטארקע שטורעמס רייסען דעכער,
ווארצלען אַלטע בוימער אויס;
ערגעץ פלאַנצט מען שטיל און ערנסט,
ערגעץ בליהט און דופט א רויז.

שווער אַז אומעט דריקט דאָס הארץ מיר,
פינסטער. כ'זעה ניט מיינע טריט.
ערגעץ הערען זיך געזאַנגען,
כ'וואָלט מיט פרייד אהין געגאַנגען,
זיינען מיינע פיס געשמיעדט...

1918

דער תכלית.

אין גאנצען דעם לעבען. מיר קלייבען זיך לעבען,
ביז וואנען דאס לעבען פארשווינדט;
מיר גארען און האפען, צום תכלית מיר שטרעבען,
ביז וואנ'ן עס פארוועהט אונז דער ווינד.

עס יאגען און פליהען די טעג און די יאהרען,
מיט אימפעט מיר איילען נאך זיי, —
א תכלית אויף שפעטער, און איצטער מיר שפארען
און שטארבען גענארטע אזוי.

און קומט ווען א רגע, א זיסע, א ליעבע,
נאך וועלכע מיר האבען געגארט,
דאן זיינען די אויגען פארלאשען שוין, טריעבע,
די לייבער אין גאנצען פארדארט;

ניטא מעהר דער הייליגער פייער אין הארצען,
וואס צינדט אן די ליעבע, די לוסט,
נאר אפען מיר זעהען דעם קבר, דעם שווארצען,
דאס הארץ בלייבט פארשטיינערט און פוסט.

אזוי א גאנץ לעבען מיר קלייבען זיך לעבען,
ביז וואנ'ן עס פארוועהט אונז דער ווינד,
און קומט שוין דער תכלית, וואס וועט ער אונז געבען?
דאס לעבען דערווייל פארשווינדט...

1914

טאָג און נאַכט עס גיסט א רעגען.

טאָג און נאַכט עס גיסט א רעגען,
נאָר עס וויינט דער הימעל.
אויף די גאסען, אויף די וועגען
שמעקט מיט שימעל.

געל די בלעטער, דאָר די צווייגען,
נאָר מיט נעץ באַלאַדען.
ס'וויל דער נאַסער ווינד ניט שווייגען,
קלאַפּט אין לאַדען.

באָפּט זיך אויף די קאַץ און מיאַיקעט,
קוקט זיך שטאַר ארום־עט;
און די אלטע באָבע אויקעט,
פאַלט אַן אומעט.

האט א מכשף אויף א בוידעם
זיך וואו אויפגעהאנגען?
קלאַנגען איצטער דאָס די שדים —
ווילדע קלאַנגען?

עמיץ בלאַנדזשעט אום אויף שטעגען
איינגעהילט אין שווארצען,
פייפט דער ווינד און ס'פּאַטשט דער רעגען,
נאָגט אין הארצען.

1917

עס וועט אזוי...

עס וועט אזוי דער טאָג זיך ציהען
א לאַנגזאַמער, און גרוי אזוי,
אַז אומעט וועט אין הארצען דרינגען,
די נאַכט וועט מעהר קיין רוה ניט ברענגען
און קריכען וועט די צייט, ניט פליהען,
עס וועט אזוי. —

עס וועט אזוי איעדער וויינען,
ווי ס'וויינט אַן אלטע קראַנקע פרוי,
און פינסטער וועלען זיין די וועגען,
און קיינער קומען וועט אנטקעגען
כאָטש מיט א טרייסט ווארט צו באַלוינען, —
עס וועט אזוי. —

עס וועט אזוי קיין הילף ניט קומען,
און לינדערען וועט ניט דער „אוי"!
עס וועט דער וועג זיין פול מיט שטיינער,
און וואנדלען וועט דאָרט יעדער איינער
נאָר מיט א שטאַרען קוק, א שטומען, —
עס וועט אזוי. —

זאָל זיין אזוי ! זאָל יעדער איינער
נאָר טהאָן א זיפץ, א קרעכץ, אַן אוי,
דעם מזל שילטען, וויינען, קלאָגען, —

אליין פאר זיך די משא טראָגען
און שפרייזען איבער שאַרפע שטיינער.
זאָל זיין אזוי !...

1917

די קייט.

אַ לאַנגע, לאַנגע, שווערע קייט. —
ווער האָט פאַר מיר זי אָנגעגרייט?
ווער האָט מיר שטרענג פאַרזאָגט: זי טראָג!
און קיינמאָל זיי מיט איהר צושיידט
ביז קומען וועט דיין לעצטער טאָג? —

אַ שווערע, שווערע, לאַנגע קייט
האַלט מיך אין קלעם צונויפגעדרעהט,
סיי ווען איך טהו, סיי ווען איך רוה,
און סיי אין לייד, און סיי אין פרייד
איך טראָג די קייט וואָס שמיעדט מיך צו.

1916

יאוש

יאָהרען לאַנגע, שווערע, טריעבע,
גאָר ניט האָט איהר מיר געגעבען!
צוגעוואָרפען ברעקלעך ליעבע,
און א לעבען — אָהן א לעבען. —

כ'בין געוועזן אזוי געדולדיג,
אלץ געהאָפט, געוואַרט אויף בעסער,
דאָך וואָס ס'לעבען איז מיר שולדיג
ליגט גאָר הינטער שווערע שלעסער...

זוך איך אלץ, איך זוך דעם שליסעל, —
וועל איך איהם כאָטש ווען געפינען? —
וועט אין זוכען ס'לעצטע ביסעל
פון מיין איך אזוי אויסרינען? — — — —

1916

געגענוואַרט...

איך לעב אין דעם עבר און האָף אויף דעם שפּעטער,
דער איצטער איז פרעמד מיר און ווילד...
די מענשען — קיין מנעשען, די געטער — קיין געטער,
פאַרמאָגט ניט קיין ווירדיגעס בילד.

געהאַט האָט דער עבר פיעל אוצרות צו ווייזען,
און הייליגען גלויבען אין גאָט;
די צוקונפט, גאַנץ מעגליך, וועט מעהר נאָך באווייזען,
דער איצטער, דער איצטער וואָס האָט? — — — —

עס געהט אַן א מאַרק־טאָג פון פויסטען, א מורא!
דו קויפסט עס, פאַרקויפסט עס צום לויט,
און האַרץ און נשמה — א נישטיגע סחורה,
פאַרשאַפען נאָר שמערצען און נויט.

אין גאָלד־שטיק געשאַצט ווערט די ליעבע, דאָס לעבען,
די פרייזען באַשטימטע פאַראויס:
קוים קענסטו דעם גאָלד־זאַק קיין ריח ניט געבען,
דאַן געה גאָר אין מאַרק ניט ארויס!

עס שוועבען, ווי כרובים, פון עבר די בילדער
באַ'חנ'טע מיט הימלישען פוץ;
עס פינקעלט פון וויטען דער שפּעטער א מילדער,
דער איצט איז אהן חן און אהן נוץ...

1912

אונזערע לעבענס.

ווארום איז מיין לעבען נאר שטורעם און דראנג,
און דיינער געהט רוהיג, געלאסען?
דו פרעגסט מיך מיט גאוה, גלייך דיר קומט א דאנק,
און איך פארדין כשר דיין האסען.

אט זעהסטו, ווי דארטען צושפרייט זיך א טייך
אין זוםפיגע ברעגען געשלאסען?
ער ציהט זיינע וועלען פאמעלעך און גלייך,
און פויל איז זיין וואסער צוגאסען.

און דארטען, צו הערסטו, ווי ס'קנאלט און עס קראכט,
ווי ס'רוישען די כוואליעס און שוימען?
דורך בערג און דורך טהאלען דער טייך שטראמט מיט מאכט
און ברעכט דורך פון פעלזען די צוימען...

צו פרעגסטו א שאלה: פארוואס און פאר ווען? —
אזוי האט געמאכט זיי דער בורא.
אזוי איז דיין לעבען, ניטא וואס צו זעהן,
און מיינער — נאר שטורעמט, א מורא....

1914

צו שפּעט...

צו שפּעט האָסט זיך צובליהט, דו דופטיג בלום.
עס וועהט א בייזער ווינד,
ער וועט פאַרוועה'ן געשווינד
דיין פּראַכט, דיך זעלבסט, און אַלץ וואָס דיר אַרום.
צו שפּעט...

צו שפּעט האָסט אויפגעשיינט, דו זונענשטראַהל,
אַט רוקט די נאַכט שוין זיך,
און באַלד פאַרשלינגט זי דיך,
און דאַן נאָך פינסטערער ווערט איבעראַל.
צו שפּעט...

צו שפּעט האָסט מיר געבראַכט דיין זעל און האַרץ,
כ'האָב דיך אַמאָל געגאַרט,
האָסטו מיך דאַן גענאַרט...
און איצט, דו וועקסט אין מיר קיין פרייד, קיין שמערץ...
צו שפּעט...

1915

לאָז מיר טראַכטען...

לאָז מיר טראַכטען, לאָז מיר קלערען,
קאָסט עס דיר דען פיעל?
ווילסטו אויך מיר דאָס פאַרוועהרען,
טראַכטען אין דער שטיל?

אמת, כ׳האָב זיך גוף און גליעדער,
אויספאַרקויפט צו דיר, —
דאָך מיין גייסט און מיינע ליעדער,
זיי געהערען מיר!

כאָטש מיין קערפּער איז צובראָכען,
און מיין אויג געבלענדט...
וואָגסטו דו אויך מיין גייסט פאַריאָכען, —
כ׳הויב דאָן אויף די הענד! —

1913

קאָן איך ניט...

קאָן איך ניט קיין פאַלשקייט ריידען,
קוקט מען זיך ניט אום אויף מיר;
זיצען אַלע ביי די טישען,
אָבער איך שטעה ביי דער טיר.

קאָן איך זיך נישט אונטער'חנפ'ען,
פעהלט מיר שוין ניט אויס קיין צער;
זיינען אַלע חנפ'ער קלוגע,
איך אַליין נאָר בלייב א נאַר.

קאָן איך ניט פאַר „חסדים" דאַנקען,
קוקען אַלע אויף מיר קרום;
רעד איך ליבערשט צו די שטערען,
צווישען מענשען בין איך שטום...

1918

שלאָפלאָזע נעכט.

1.

ווי זי שלעפט זיך, קריכט, די צייט!
אויסגעלייידיגט איז דער מוח.
און דער גוף האָט מעהר קיין כוח
זיך צו ווארפען זייט אויף זייט.

קריכט דער חושך טיעף אין ברוסט,
און אין הארצען ווערען וואונדען;
כ׳וואלט א ליכט מיר אָנגעצונדען,
טויט איז אָבער יעדע לוסט.

טיר און פענסטער צוגעמאַכט.
שווארצע שאָטענס אַלץ פארדעקען,
און געשפּענסטער יאָגען שרעקען,
שווער, איינטאָניג זשומט די נאַכט. —

2.

א שטילער קלאַנג, א קרעכץ, אַן אוי
פון ערגעץ־וואו טראָגט דורך זיך שוואך.
א מוטער וויגט, שטילט איין איהר קינד:
לו־ליו, מיין קינד, די אויגעלאך פארמאך.

און ווידער ווערט די נאַכט שוין שטיל,
עס טהוט א בליץ אַן אויג וואו בלויז.
א ווייבער טראַט, א קריץ, א פּיסק...
דאָס „שפּיעלט" א קאַץ זיך מיט א מויז.

א ווינטעל בלאָזט א פּאַרהאַנג אויף,
ס'שלאָגט אָב פון ווייסען לייב א שיין.
און אויפ'ן שויב א צווייגעל קלאַפּט,
גלייך איינער בעט זיך: לאָז אריין...

3.

עס קלינגט דער גלאָק און צעהלט די צייט.
ליג איך אזוי, צעהל יעדען קלונג.
שטעלט עמיץ מיר ארויס א צונג
און רייצט: צו טאָג נאָך וויט, נאָך וויט.

וואָס ארט מיך דען, אַז נאַכט איז נאָך?
שטעל איך ארויס א צונג צוריק.
דער טאָג ברייננט מיר סאַי ווי קיין גליק.
די נאַכט פאַרשטעלט פון אויג דעם בראָך.

לאַכט יענער אָב און טוט א זאָג:
„ניט מיך, נאָר זיך אליין דו נאַרסט,
ווי לאַנג די נאַכט, נאָך טאָג דו גאַרסט..."
איך שווייג, און האָף און וואַרט אויף טאָג.

1914

אין קראַנקע טעג.

1.

עס שלייכען שאָטענס אום אַרום די ווענד,
און אויף די שפּיצען פינגער עמיץ קוים וואָס טרעט.
און רוישט אין קאָפּ, און עטוואָס פייגליך ברענט,
די ווענד צו הוידען זיך און ס'שווימט די בעט.

אין לופטען שווימט מיין בעט, און פאַלט אראָפּ,
און הייבט זיך ווידער אויף, אז שווינדעלט מיר אין קאָפּ.

אַט דונקעל ווערט. און קומט די נאַכט אַז באַלד.
דער לאַנגער, קראַנקער טאָג האָט מיר קיין רוה געבראַכט.

איך קוק זיך אום, דערזעה א שוואַרץ געשטאַלט,
זי שרעקט מיך, אַט די גרויליכע לאַנגע נאַכט. —

2.

זיי הוליען, די שדים, און הוליען אָהן שיעור;
און טאַנצען און שפּרינגען דורך פענסטער און טיר,
און באַלד זיך צופּאַכטען אויף לעבען און טויט,
די בלוטען צוזאַמען אזוי הייס, אזוי רויט.
און שלאָגט ווי מיט האַמערס אין ברוסט און אין קאָפּ,

א וואַגשאָל זיך שאָקעלט ארויף און אראָפּ,
און ציטערט, און ציטערט אזוי די הענד...
פאַר׳שרפה׳ט פון פייער, פאַרסמאַליעט, פאַרברענט,
און ענדלאָז זי ציהט זיך און ציהט זיך, די נאַכט.
עס הוליען ניט־גוטע, — געטאַנצט און געלאַכט. —
און וואַרפט מיך און שליידערט אין קעלט און אין היץ —
צ, קום שוין, פריה־מאָרגען, און טהו כאַטש א שפּריץ
מיט דיינעם א רוהיגען, ליכטיגען שיין,
פאַרטרייב די ניט־גוטע, און שטיל זאָל שוין זיין.

3.

וואָלט איך איצט געקענט אין פעלד זיין,
צווישען גראָז און זאַנגען,
וואָלט איך זיך צוזאַמענגיסען
מיט דעם פעלד־דופט, מיט דעם זיסען
ביז כ׳וואָלט אויסגעגאַנגען.

און דערנאָך איך וואָלט פאַרשוואונדען
אין דעם רוים, דעם קלאָרען...
הער איך עמיץ מיך באַדויערט,
שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ פאַרטרויערט:
„אוי! ער איז פאַרלאָרען" — —

4.

איך וויים ניט, געדענק ניט, ווי דאָס איז געשעהן.
איך וויים נאָר, געדענק נאָר א ווילדען גערויש,
ווי מחנות פוי׳ ערגעץ זיך רייסען ארויס,
קיין וואָרט ניט צו הערען, קיין פּנים צו זעהן.

און אפשר דער ים האָט געעפענט זיין תהום
די ערד צו פאַרפלייצען, און אלץ וואָס אויף איהר?
צו ווער האָט פון גיהנם געעפענט די טיר,
געלאָזען פריי לויפען פון שוועבעל א שטראָם?

צו אפשר דער הימעל געמאַכט האָט א בונט
אַקעגען דעם בורא, צוטרייסעלט זיין טראָהן?
און אפשר נאָר מענשען דאָס האָבען געטאָהן,
פאַר'חרוב'ט, פאַרוויסט אַלץ פון דאַך ביז צום גרונט?..

קיין וואָרט ניט צו הערען, קיין פּנים צו זעהן,
נאָר אַלץ האָט געראָוועט, געקנוילט זיך אין רויך.
און נעגעל געקרימטע, פאַרצוקען מיך אויך, — — — —
און דאַן האָב איך פּלוצלונג, דיך, פריינד מיינס, דערזעהן.

איך פיהל אויף מיין שטערען דיין צאַרט-ווייכען גלעט.
כ'זעה נעצען פון שטראַהלען ארום דיינע האָר.
דער קריזיס אריבער, ס'ווערט קלעהרער און קלאָר,
ניי-לעבען וועט קומען, ס'וועט קומען, עס וועט — — — — — —

1918

האָב איך נאָך א פריינד געבענקט.

האָב איך נאָך א פריינד געבענקט.
האָט מיר גאָט א פריינד געשענקט.
האָב איך אַלץ איהם אָנפּאַרטרויט,
און געטיילט מיט איהם מיין ברויט.

האָט מיין פריינד מיך גוט באלוינט:
מיט דעם נאָמען „נאַר" געקרוינט,
און געלעהרענט מיך אזוי:
מעהר קיין פריינד דו ניט פאַרטרוי...

1918

אױפרעגונג.

שלאָפען אלע שוין אין הויז.
לאָז איך די געדאַנקען לויז,
בין פון קיינעם ניט געשטערט,
זיץ איך סתם אזוי פארקלעהרט.

קלאַפּט אין לאַדען אָן דער ווינד,
שפּרינג איך אויף פון שטוהל געשווינד,
שפּאַן אין צימער הין און הער,
ווערט מיר אויפ'ן הארצען שווער.
קוק איך דורך א שויב ארויס;
ווערט דער אומעט מיינער גרויס.
שוואַרץ עס ליגט די ענגע גאַס,
און די נאַכט איז קלעפּיג, נאַס.

זעץ איך זיך אַוועק צום טיש.
נעהם א בוך אין האנד און מיש,
מיש און מיש אַזוי דעם בוך,
וויים אַליין ניט, וואָס איך זוך.

1917

עלענד.

און ענג איז מיין צימער,
פער'חושך'ט די ווענד;
עס דריקט מיר דעם מוח
עס שמיעדט מיר די הענד.

איך קום פון דער ארבייט
א מיעדער צוגעהן, —
באגעגענט מיך קיינער,
כ'בין עלענד, אליין...

קיין ליעבשאפט, קיין שמייכעל,
קיין פריינדליכען קוק...
אך! שווער איז דער עלענד,
און גרויזאם — זיין דרוק.

דאס לעבען אלטעגליך,
און קלעגליך און קליין...
דערצו זיך נאך פיהלען
פער'יתום'ט אליין...

1907

איינזאַמקייט.

און ווען עס קומט דער שוואַרצער גייסט,
מיין שוואַרצ־געמיט, צוגעהן,
איך וואַרט אומזיסט, עס קומט קיין טרייסט...
אליין, איך בין אליין!

געבליבען ז'פון מיין איינציג פריינד
א בערגיל ערד, א שטיין...
געווען אמאָל — ניטאָ איהם היינט,
אליין, איך בין אליין!

1907

וואָרום?..

וואָרום, וואָרום האָב איך פֿאַרשלאָפֿען?
וואָרום האָב איך מיין גליק פֿאַרזוימט?
ווען פֿול מיט ליעבע, פֿול מיט האָפֿען
דיין לוסט צו מיר האָט שטאַרק געשוימט.

אַ, יענע נאַכט... וועל ס'ניט פֿאַרגעסען! —
געקימערט האָט אונז ניט ווי שפּעט, —
געקלאַמערט זיינען מיר געזעסען
און שעה'ן לאַנג גערעדט, גערעדט.

איך הער נאָך איצט דיין הארציג פֿליסטער,
דיין אָטהעם־צוג איך פֿיעל נאָך צינד...
געצוויבערט האָט דיין קול דער זיסטער, —
און דיך פֿער'חלום'ט האָב איך, קינד.

און גלייך מיט טאָג ביזטו פֿאַרשוואונדען,
איך וויים — דו קומסט ניט מעהר צוריק;
און שמערצליך בלוטען מיינע וואונדען,
וואָרום האָב איך פֿאַרטרוימט מיין גליק?...

1912

נ י ט אָ.

אָנגעקלאַפּט אין פענסטער קוים,
קוים א שאָרך, א ריהר,
שוין האָט זי דערהערט מיין טראָט,
איילט צום טיר.

איצטער ריים איך, ציה דעם גלאָק,
קלאַפּ און קלאַפּ ארום.
קלינגען פּוסט די בלינדע ווענט,
טויב און שטום.

מיט דעם אָבגעריס'נעם שנור
בלייב איך שטעהן צומישט.
שאָקלען בוימער מיט די קעפּ:
זוכסט אומזיסט.

ווער איך רויט פאר זיך אליין:
אך, וואָס טהו איך דאָ?...
מאָלע וואָס געווען אמאָל, —
מעהר ניטאָ.

1917

חן גריבעלעך.

חן־גריבעלעך האָסטו. אין יעדע פון זיי
עס ליגען פיעל הערצער באַגראָבען.
חן־גריבעלעך האָסטו, און האָסט גאַנצע צוויי,
און איך וועל מסתמא אין איינע פון זיי
א קבר אין גיכען אויך האָבען.

חן־גריבעלעך האָסטו אזוי שעהן, אזוי קליין,
און הערצער זיי שלינגען און שלינגען...
און דו דערביי שמייכעלסט אזוי קינדיש און ריין,
גלייך ווייסט פון קיין זאך ניט און האָסט גאָר קיין מיין
און מאַכסט ניט די הערצער צושפּרינגען...

חן־גריבעלעך האָסטו אזוי ליעב, אזוי צאַרט,
ניט איינער פאַרלירט דאָרט זיין זינען.
און דו קוועלסט פון תענוג ווי יעדער דיך גאַרט,
און זעהסט ניט ארום זיך, ווי דו ווערסט גענאַרט,
דיין קבר וועסט אויך דאָרט געפינען...

1916

א רעטעניש.

וואס מעהר איך קלעהר פון איהר, אלץ מעהר
איך קען זי ניט פארשטעהן;
וואס זאגט איהר לאך? וואס רעדט איהר טרעהר?
וואס מיינט עס: יא, צו ניין? —

אט פרעסט זי זיך צו מיר מיט גלוט
און שיינט פון פרייד און גליק,
און אט פארגליווערט ווערט מיין בלוט
פון איהר אייז קאלטען בליק.

אט עסט איהר אויג אין מיר זיך איין,
זי דריקט מיר הייס די האנד;
אט פליסטערט זי: עס קען ניט זיין!
און אונז צושיידט א וואנד. —

זי איז א רעטעניש. איך טראכט:
ווייסט זי באטש וואס זי וויל?
אט איז זי טאג, אט איז זי נאכט,
אט — שכל, אט — געפיהל...

1916

צוויי מאָל צוויי...

דו האָסט געשענקט מיר שעה'ן צוויי
פון גליק און שיין.
איך האָב באַצאָהלט מיט טעג פאַר זיי
פון אנגסט און פיין.

איך האָב מיין הארץ, מיין האָפנונגס־ליכט
צו דיר געבראַכט. —
און דו? דו האָסט עס אויף געוויכט
געלעגט, באַטראַכט:

צו האָט דאָס אַלץ פאַר דיר א ווערט,
און אויף ווי פיעל? —
דיר לוינט זיך ניט ! — האָסטו ערקלערט —
די ליעבע־שפּיעל.

ס'איז ניט דיין שולד, דו ביזט א קינד
פון אונזער דור,
וואָס צעהלט, און מעסט און וועגט צום קווינט,
און רעכענט נאָר...

1914

* *
*

פון אויבען א רעגען,
פון אונטען א גליטש;
עס שניידט דורך די שטילקייט
פון ערגעץ א קוויטש.

שוואַך ציטערט א לעמפעל
פון איבער דער גאַס;
אַלט קוקען די הייזער,
פאַר'חושכ'ט און נאַס.

פון ערגעץ א פּאָרעל
געהט דורך אין דער נאַכט.
ער האַלט זי ביים אָרעם,
זי גליטשט זיך און לאַכט.

צום שויב צוגעטוליעט,
א מיידעלש געזיכט, —
צו וועט ער היינט קומען?
אומזיסט זיך געריכט?

און ערגעץ־וואו וואַיען
און קריגען זיך קעץ,
דער רעגען אײינטאָניג,
און קויטיג — די נעץ.

1915

גערענקסטו?...

גערענקסטו יענע גאָלד'נע צייט,
די שעהנע יונגע יאָהרען?
ווען איך און דו, האַרט זייט ביי זייט,
מיר האָבען זיך געשוואָרען

צו ליבען אייביג און געטריי,
די ליעבע ניט פאַרראַטען? — —
געוועז איז דאַן א נאַכט אין מאַי,
ביים שטערען שיין דעם מאַטען

אונז דופטיג האָט די רויז געבליהט,
דעם זיסען טהוי געטרונקען,
און גלויבען האָט אין אונז געגליהט,
און גליק האָט אונז געוואונקען...

איצט זיינען מיר קיין קינדער מעהר,
דער גלויבען איז פאַרטיליגט;
איצט דולדען מיר זיך קוים, גאַנץ שווער,
די ליעבע איז פאַרביליגט...

1915

חרטה...

פיעל חרטות אין מיין לעבען
האָב איך שוין געהאַט,
ס'האָט מיר דאָך קיין נוץ געגעבען,
ביז דער זעלבער גראַד.

יעדען טראָפּען פאַרגעניגען
האָט זי מיר פאַרגאַלט.
ווייל ווען לוסט מיך ליעב פאַרוויעגען
שרייט חרטה: גוואַלט!

ליעבע, תענוג — און עבירה!
האַלט זיך אין קאָנטראָל!
אי, חרטה, ביזט א סחורה,
ערגער וואָס אמאָל.

איצט איך בין שוין אין סוכאָטקע,
טויטליך בלאַס און מאַט — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
ליבערשט וואָלט איך קיין חרטה
קיינמאָל ניט געהאַט.

1913

צו א יתומה׳לע.

פאָלקס־מאָטיוו: א בריוועלע דער מאַמע.

שפּיעל מיין קינד, מיין ליעבע, שעהנע,
שפּיעל זשע נאָך אמאָל, מיין קליינע,
„א בריוועלע דער מאַמע“
שפּיעל פּאַמעלאַך און באַ־טעם עס,
דו ווייסט דאָס נאָר, וואָס אַן אַם איז,
ווייסט ניט וואָס איז א מאַמע.

זיצט א מאַמע א פאַרצאַגטע;
איהרע קינדער ווייט פאַריאַגטע,
און טרערען גיסט די מאַמע.
לעבען איהר קיין איינס פאַרבליבען,
וואָלט כאָטש איינער ווען געשריבען
„א בריוועלע דער מאַמע“ ?

מוטער־ליבע — גאָט׳ס מתנה! —
שפּיעל־זשע, קינד מיינס, מיט כונה:
„א בריוועלע דער מאַמע“.
שפּיעל עס נאָך אמאָל, באַ־טעם עס;
וואויל צום קינד, וואָס האָט קיין „מאַמעס“,
וואָס האָט איין־איינציג מאַמע...

1914

פון דער אַלטער היים

קאַרטוז־בערעזאַ.

איך בין פון דיר שוין לאַנג אוועק,
פאַרגעסען צעהלען וויפיעל יאָהרען;
מיין קליינע שטעדטעלע, דו לעבסט
נאָך ביז אצינד אין מיין זכרון.

ווער וויים ווי איצטער זעהסטו אוים?
דיין מארק מיט קראַמען אין דער מיטען,
דיין שוהל־הויף מיט זיין אַלטען צאַם, —
ווער וויים ווי האָסט זיך אומגעביטען?

און דער שאַסיי, דיין איינציגע גאַס,
וואו דורך צוגעהן געווען איז מעגלאָך
פאר פסח, ווען דער שניי צוגעהט
און זומפען ווערען דיינע שטעגלאָך.

דיין בריק דער אייזערנער, דיין שטאַלץ,
וואו ס'פלעגט דער באַהן מיט גרילץ זיך
טראָגען,
און פלעגט צו מאָל אין שטילע נעכט
דיין זיסע רוהיגקייט צושלאָגען.

דיין קלויסטער־סאַד, דיין שעהנסטער פּלאַץ,
וואו שבת פלעגט מען געהן שפּאַצירען,
און יונגע פּאָרלאַך, שטילערהייר,
דאָרט פלעגען זייערע ליעבעס פיהרען.

די שווינדעל־טרעפּ אין קלויסטער־סאַד,
דיין אַלטער זכר פון פּאַרצייטען,
וואו פון דער הויך כ'האָב ליעב געהאַט
צו קוקען אין דיין פלאַכען ווייטען.

דיין שמאַלער טייך וואָס פריהלינג נאָר
פלעגט שעהן און בּרייט צוגיסען,
און בעלי־בתים פלעגען דאָן
מיט שטאָלץ איהם קומען גריסען.

דיין חסידים־שטיבעל מיט די טענץ,
מיט זמירות און געזאַנגען;
ווי גוט מיר האָט זיך דאָרט געטרוימט
אין האַרציג־זיסען באַנגען.

ווי וואָלט איך איצט דיך וועלען זעהן,
דו וויג פון מיינע יונגע יאָהרען.
ס'האָט ניט די ווייט, און ניט די צייט
דיך אויסגעמעקט פון מיין זכרון.

1917

* *
*

אין דרויסען קלאגט דער ווינד פארלארען.
די שויבען זיינען דיק פארפראָרען.

אין שטוב איז קאַלט, דאָס לעמפּעל ברענט,
די שאָטענס ליגען אויף די ווענט,

א שייטעל האָלץ אין אויווען טליהט,
די קעצעל ליגט ביים אויווען מיעד,

די מאַמע האַלט א זאָק און שטריקט
און פעדערען די שוועסטער פליקט —

דער טאַטע מיט א קרייד אין האנד
ער שרייבט און מעקט אלץ נאכאנאנד —

און אין א ווינקעל גרילצט א גריל,
און עמיץ טוט א זיפץ. ס'איז שטיל.

און איך א קליינס, נאך גאר א קינד,
איך זיץ און הער זיך צו צום ווינד.

1914

זומער-לעב.

(אין פאָלק׳ס טאָן.)

ס׳קומט שוין דער זומער,
קומט שוין צו געהן.
פריילאך און לעבעדיג,
און אזוי שעהן.

זינגט וואו א פויגעלע,
ציקעלט זיך זים;
אומעטום, אומעטום
קריגט זי א בים.

רוישט וואו א וואסערעל,
פליסט אזוי פריי.
בויען די קינדערלאך
שטיבעלאך ניי.

וועגטעלאך, דעבעלאך
גרינינקע, ווייך,
רויטלען זיך בעקעלאך,
בעקעלאך בלייך.

שפילען די קינדערלאך,
בעטען קיין ברויט.
קרעכצט וואו א מאמעלע:
ביטערע נויט...

לויפט אַן א שייגעצעל,
לויפט אַן זיין הונד,
מאַכט ער די שטיבעלאך
חרוב צום גרונד.

ווייגען די קינדערלאך,
לויפען אין הויז,
כאַפען צום ברויט זיך, און
ווייטער ארויס.

שילטען די מאַמעס, און
בעטען דעם טויט:
קינדער „ראזבאַיניקעס“
פרעסען דעם ברויט...

1914

דער ערשטער שנעע.

דער ערשטער שנעע, דער ערשטער שנעע!
א רגע בלויז — און אַט איך געה,
איך ווארף דאַס עסען און איך אייל.
חברים נו־קען: גיפּער קום!
און קוים איך הער דעם טאַטענ'ס ברום, —
און שוין מיר פליהען ווי א פייל.

מיר פליהען בארג, מיר פליהען טאַל.
דער שנעע, ער בלישטשעט ווי קריסטאַל.
די בעקלעך רויטלען זיך מיט חן;
עס רוישט און ברויזט, דאָס יונגע בלוט, —
ווער קלעהרט פון רבינ'ס שארפע רוט?..
אַך, ליעבע יוגענד, ביזטו שעהן!

דער ערשטער שנעע, ער פלאַטערט מילד.
דעם ווינטער'ס ערשטע צויבער בילד
מאַכט אונז פארגעסען אַז דער צייט;
דער טאַג אוועק, די נאַכט פאַלט צו,
מיר דיינקען קיינער ניט פון רוה,
און אונזער שפּיל ווערט גאַר באַנייט.

דאָס שטעדטעל שלאָפט שוין, רוהיג, שטיל,
נאַר ס'הערט דאָס רוישען זיך פון מיהל,
וואס שטעהט ניט ווייט פון שמאָלען טייך.

פאַרטרייבט די נאַכט דאָך אונז צוריק,
נאָר פרעהלאָך, שטאָלץ איז אונזער בליק, —
אַך, זיסע יוגענד, ביזטו רייך!

איך קום אהיים שוין שפּעט, גאַנץ שפּעט,
דער טאַטע שרייט, די מאַמע בעט,
און כלומר׳שט שולדיג איך ווינקעל כ׳שטעה;
דאָך טיעף איז מיר א פרייד עס זינגט,
די שפּיעל פון ערשטען שנעע מיר ווינקט, —
דער ערשטער שנעע, דער ערשטער שנעע!

1908

פאר'ן יריד.

אויף די שטעגען, אויף די וועגען
פאָהרען גוים, פאָהרען אידען;
אַלע פאָהרען אויף ירידין,
פיהרט מען סחורות פולע וועגען.

רעדער סקריפּען, און זיי כליפּען
מיט א מאָדנעם טרויער ניגון;
הין און הער די קעפּ זיך וויגען,
און די פערדלאַך טופּ־טופּ, טופּען.

ערד און הימעל — אין א דרימעל
מענשען חלום'ען פון מאָרגען,
צעהלען ריוח פון די „טאָרגען".
ערגעץ שמעקט א פעלדען־בלימעל.

א פּארשייטער, פליהט א רייטער.
ס'האָבען זיך פארטשעפּעט וועגען.
„וואס'ער טייפעל?" הערט מען פרעגען.
אָבגעטשעפּעט — פאָהרט מען ווייטער.

עמיץ כאַפּט זיך און באַטאַפּט זיך:
האָט ער עפּעס ניט פארלאָרען?
„אַך! דעם צעטעל פון די קאָרען",
און אין שטערען בייז ער קלאַפּט זיך.

באַלד נעהמט טאָגען; צו פאַריאָגען
אײַלט א יעדער שלאָף פון אויגען.
סווישטשען בײַטשען אויסגעצויגען,
פערד־און־וועגען לויפען, טראָגען.

יעדער פּאַר זיך, אײַלט צום מאַרק זיך.
אויסגעטשוכעט, שטרענג די בליקען,
יעדער וואַרט אויף גרויסע גליקען,
און עס גלײַכט אוים יעדער קאַרק זיך.

און די שטויבען הויך זיך הייבען.
א געטומעל, א געפּילדער,
און וואָס ווײַטער ווילדער, ווילדער:
ס'האָט „יאַריד" זיך אָנגעהויבען...

1914

דער סדר.

פון אַלע יום־טובים און פרעהליכע צייטען
נאָך ווינקט צו מיר ליעבליך און חן'ט זיך פון ווייטען
דער סדר פול צויבער און פראכט.
די צייט האָט מיר פיעלעס פארמעקט און צוריבען,
דאָך פריש אין זכרון און גאַנץ איז פארבליבען
די בילד פון דער הערליכער נאַכט.

שטאַלץ פינקלען די ווינקלען אין שטיבעל אין קליינעם,
רייך גלאַנצען די כוסות אויפ'ן טישטאָך דעם ריינעם,
די זרוע, חרוסת — אין מיט.
אין לופטען די דופטען פון לעבענס, פון פרייע
זיי דריינגען און בריינגען פארלאַנגען גאַנץ נייע, —
פון קנעכטשאַפט צו רעכטשאַפט א טריט.

דער טאַטע געלעהנט זיצט אין קיטעל, אין ווייסען;
באַ'טעם'ט ער פארטייטשט אונז די נסים, די נייסען,
ווי משה דאָס פאָלק האָט באַפרייט;
מצרים געווען איז א לאַנד א באַוואַכטע,
די אידען אין גושן — פאַריאָכטע, פארשמאַכטע, —
די פרייהייט, זי האָט זיי באַנייט.

און וואונדער נאָך וואונדער, — די העלדען זיך מעהרען,
קיין שונא, קיין געגנער קען זיי ניט צושטערען,
אי מואב, אי אדום אין שרעק.

אין פרייהייט געאייניגט — דורך מדבר און ים'ען
די מחנות מאַרשירען און ברעכען די צאַמען
און ראַמען די שטיינער פון וועג.

איך זינג די הגדה, מיר וואַקסען אויס פליגלען,
איך ברעך דורך דעם טויער, די אייזערנע ריגלען,
מיין קול הילכט באַגייסטערט און קלינגט.
שטיל שמייכעלט דער טאַטע, צופרידען, באַהאַלטען,
ליעב שיינען דער מאַמע'ס און שוועסטער'ס געשטאַלטען,
דער וויין אין'ם כוס צו מיר ווינקט.

איך הויב אויף דעם כוס און זאָג „מוכן ומזומן" !
ערלייזונג, באַפרייאונג זיי מוזען דאָך קומען
ווען פול ועט פון פיין זיין די מאָס.
די נויטען פאַרשוואונדען, צוריסען די קייטען...
לחיים פאַר פריהלינג, דער יום־טוב פון קווייטען.
צום יום־טוב פון פרייהייט — א כוס !...

1912

שבועות.

שבועות, יום־טוב שעהנער, ליבער!
כ׳טראָג זיך צו מיין היים אריבער
צו מיין אַלטער היים;
ס׳וואַכען אויף אין מיין זכרון
יענע ווייטע קינדער יאָהרען,
אַלטער, זיסער טרוים!

ערב־שבועות. פריי פון רבי׳ן..
און אין וועלדיל ז׳פול מיט לעבען,
פול מיט זיסען טרוים.
גאַנץ פאַרגעסען איז דער חדר.
באַרג און טאָל — אין גרינע קליידער,
קומט צום גרינעם בוים.

קומט חברים! — איציק, בערעל
מיט א מעסער, מיט א שערעל
שניידען צווייגלאך פלינק.
אַלע זיינען שטאַרק פאַרנומען,
און מיר פליקען רויזען, בלומען
מיט געמיטער גרינג.

א פאַרטיפטער בלויט דער הימעל,
און פאַרטרוימטע — גראָז און בלימעל,
מילד דער טייבעל זינגט.

משה׳ל שניצט פאַר זיך אַ פייפעל,
איך ריים גרינס נאָך אַן אַ הייפעל,
יודעל לאַכט און שפּרינגט.

און מיר פיהלען שטאָלץ און זיכער...
פלוצלונג טראָגט עס אַן אַ וויכער,
יאַשעק מיט זיין הונד.
ווערען גוואַלדען, אַ בהלה...
ווער פאַרלאָרען האָט אַ פּאָלע,
ווער — אין פוס אַ וואונד.

דאָך אהיים מיט פרייד מיר קומען,
אָנגעלאָדען גרינסען, בלומען,
שמעקען ועט אין הויז...
טראָג מיך שבועות, יום־טוב ליבער,
צו מיין אַלטער היים אריבער,
צו מיין יוגענד־רויז...

1912

סכות.

1.

ערב סכות, פון באַגינען
שמייען אַלע װי די בינען,
ברענגט מען טשװעקעס, טראָגט מען ברעטער
פון דעם שטאַהל און פון דעם בוידעם;
ס'העלפט דעם שװער דער יונגער איידעם
און פאַזיכערט שעהנעם װעטער.

און מיר אינגלעך, קינדער קליינע,
שטענדיג שטיפערס אַט אַזױנע,
ניט געװאָלט געציינג אונז טרױען, —
טראָגען איצטער פריי פון קאַמער
זעג און האַק און שװערען האַמער,
העלפען־צו די סוכה בויען.

אָבגעארבייט ביז פאַרנאַכטען, —
שטעהען אַלע און באַטראַכטען,
איז די סוכה אונז געפעלען;
נעהמען גרויסע זיך צוגעהן,
נאָר מיר קליינע בלייבען שטעהן
לעבען סוכה און מיר קװעלען. —

2.

דער לעצטער זונען־שטראַהל איז אויסגעלאָשען שוין,
און שטיל, און קיהל די סוכת־נאַכט פאַלט צו.
טיעף בלוי דער הימעל הענגט. די לופט איז פריש און ריין,
פון אַלע זייטען וועהט מיט יום־טוב רוה.

די קליינע סוכה איז מיט גרינעם סכך באַדעקט,
און אויפגעראַמט און אָבגעווישט דער שטויב;
די מאַמע בענשט שוין ליכט מיט הענד פרום אויסגעשטרעקט,
און פרום איהר שאָקעלט צו די שבת־הויב.

דער טאַטע קומט פון שוהל און זאָגט „אושפּיזין" גלייך,
ער לאַדט די אבות איין מיט ליעבע רייד:
קומט, קומט איהר הייליגע געסט, און כאָטש איך בין ניט רייך
איך טהייל מיט אייך אַלצדינג מיט פולער פרייד...

דעם טאַטענס שטימע קלינגט. מיר קינדער העלפען־צו,
און צווישען גרינעם סכך דער רוים זיך בלויט; —
די סכה'לע איז קליין, נאָר וועהט אויף אונז מיט רוה,
די סכה האָבען מיר אליין געבויט, —
אליין פאַר זיך געבויט...

1917

שניים אוחזין...

פליסיג שאָקעלט זיך אַ אינגעל
איבער דער גמרא;
און זינגט אוים באַ־טעם'ט מיט חשק,
מיט אַ שטים אַ קלאָרע:

„שניים אוחזין בטלית..."
ביידע מיט איין טענה;
יעדער זאָגט, ער'ט געפונען
און די קלייד איז זיינע.

אמפּערען זיך די חכמים,
רופט זיך אָב אַ תנא:
ווי זשע ווייס מען ווער גערעכט איז
און ווער איז דער רמאי?

זאָגען איינע: גלייך צו טיילען,
זאָל מען ביידען גלויבען.
זאָגען אנד'רע: ניין! מען טאָר ניט
העלפען איינעם רויבען...

און דער אינגעל דרינגט אַלץ טיעפער
אין דער בלאַט־גמרא:
„שניים אוחזין..." ער וויל מאַכען
צווישען זיי אַ פּשרה. —

1913

דער גיהנום.

(נתנאלין.)

געדענקסטו, ווען קינדער מיר זיינען געווען?
די באבע פלעגט דאן אונז דערצעהלען
פון וועלטען, פון יענע, וואו לעבען איז אויס,
און ס'פאנגען זיך גיהנום'ס אן טהיילען.

געדענקסטו! ? — אן אומעטיג שבת פאר־נאכט;
די געסעל אין שאטען פארשלונגען.
אוועק שוין דער שבת, אט קומט שוין די וואך,
די זמירות, די לעצטע פארקלונגען.

ביים טיש זיצט דער טאטע פארטיעפט און פארטראכט,
די מאמע, זי קוקט דורך די שויבען;
און „גאט פון אברהם" קלינגט טרויעריג, שטיל,
עס פינקלען שוין שטערענדלעך אויבען.

אין ווינקעל קוים זעהט זיך דער באבעס געשטאלט,
נאר ס'פליסטערט איהר שטימע די צארטע;
מיר זיצען און הערען, און זי אונז דערצעהלט
פון זינדער אין גיהנום פארשפארטע:

„אך! גרוים איז דער גיהנום און מורא'דיג ברייט,
צוטהיילט איז אין טהיילען אין זיבען,
און קאכט ווי סמבטיון מיט גרויל און גערויש;
אזוי שטעהט אין ספרים געשריבען.

מלאכי־חבלה א גאַנציקע וואָך,
זיי בראָטען און פערטלען די זינדער,
און פול איז דער גיהנום מיט קרעכץ און געשריי,
די וועהען זיי ווערען ניט מינדער.

נאָר קוים קומט דער הייליגער שבת צוגעהן,
פאַרשווינדען אין גיהנום די ליידען,
און גוטע מלאכים, זיי ברייגגען אריין
אין גיהנום א ריח גן־עדן.

און ווי נאָר דער שבת פאַרגעהט אין זיין רוה,
דער גיהנום זידט האַסטיג אויף ווידער,
און קאַכט ווי סמבטיון, מיט שוים און גערויש,
דאָס בראָט מען די זינדיגע גליעדער.

אזוי געהט כסדר, אזוי איז דער גזר,
אין ספרים, אין אַלטע פאַרשריעבען;
אזוי לאַנג די מענשען וועל'ן זינקען אין זינד,
דער גיהנום וועט אלץ זיין פאַרבליעבען..."

מיר זיצען געקלאַמערט, קיין שאָרך און קיין ריהר.
נאָר פלוצלונג עס ציטערט א שאלה:
„אוי! קורץ איז דער שבת, די וואָך אזוי לאַנג,
צו קען ניט זיין אנעדרש א ווייל"ע?"...

* * *

וואו זענען די יאָהרען פאַרפלויגען, אוואו,
ווען גיהנום ז'געווען א לעגענדע?
איצט האָבען מיר גיהנום אין לעבען, אויף וואהר,
א גיהנום וואָס האָט ניט קיין ענדע.

אוים מעשיות, חלומות — די רוט האַלט אונז וואַך,
מיר זענען אין גיהנום פאַרטריעבען.
און גרוים איז דער גיהנום אָהן גרענעץ, אָהן שיער,
און טהיילען האָט זיעבען מאָל זיעבען.

און מלאכי־חבלה — נאָך מעהר ווי געגוג,
און ברואים גאַנץ קלוגע, מיט זינען;
געבראַטען, געפּערטעלט נאָך מעהר ווי דער דין
מיר ווערען. ניטאָ וואו אנטרינען.

און וואָך איז כסדר אָהן גרענעץ, אָהן שיער,
מיט וואָך איז די צייט נאַר פאַרנומען;
און ס'שרפה'ט דער גיהנום און ברענט אונז אויף קויל,
עס וויל גאַר קיין שבת נים קומען.

די וואָך ווערט אַלץ לענגער, און שווערער, און גרויער,
און ציהט זיך, און ציהט זיך אָהן ענדע.
א בלוטיגער אמת — דער גיהנום איז איצט,
און שבת — א שעהנע לעגענדע...

1912

פ י נ ע.

פינע משה'ס איז א סוחר
שוין פון כמה יאָהרען,
איז באוואוסט אין יעדען מקום,
וואו ער קומט צופאָהרען.
אין בלאָטניוועקע דאָרטען וואוינט ער
און האָט פיעל פאַבריקען. —
איז אליין א איד א חכם
מיט א קאָרק א דיקען.

אונזער פינע איז א שמייסער
לאַנג צוריק געוועזען,
נאר דאס איז שוין לאַנג פארגעסען,
איצט איז ער א וועזען;
האָט אין שוהל די ברייטע דעה
און אין קהל'ס ענינים,
איהם אנטקעגען מיט „גוט מאָרגען"
קומען די דיינים.

גאנץ בלאטניוועקע רעדט מיט גדלות
פון דעם סוחר פינען,
און מען לויבט זיין ליעבען נאָמען:
ר'גיט א שטאָדט פארדיענען
אי אויף שבת, אי אויף יום־טוב,
און פארלאנגט קיין סך ניט.

זיץ און ארבייט נאר מיט חשק
נארישקייטען טראכט ניט...

ארבייט און ניט צעהל די שטונדען,
היט דיר דיין מלאכה;
נאר אין דעם וואָס ניט געצעהלט איז
ליעגט די מזל־ברכה...
און בלאטניוועקע שעצט עס טאקי,
קוועלט גאָר פון די גליקען:
ברויט מיט וואסער האָט דאָס שטעדטעל,
פינע האָט פאבריקען...

1912

דער אַלטער גביר.

עס הערשט א טרויער אין בלאַטניוּוקע,
כאָטש לאַנג יום־כפּור איז אוועק,
און מיט א קוויטעל אויף באַזאָרגט שוין, —
דאָך קוקען פּנים'ער מיט שרעק.
דעם רבי'נס קאַנטשיק ליגט זיך רוהיג,
תּלמידים קעהרען גאָר א וועלט,
עס קלעהרט גאָר קיינער פון פּרנסה,
גלייך יעדער איז באַזאָרגט מיט געלד.
אין שוהל נאָך מנחה — אוים פּאָליטיק,
בייטאָג דער מאַרק — איז וויסט און לעער; —
כאָטש פּלאַץ, באַגעגענסט ניט קיין שמייכעל,
נאָר הערסט א זיפץ און זעהסט א טרעהר.
די געסלאָך, הייזלאָך, און די קלייטעו
אַלץ אויפ'ן אָרט — אָט ווי געווען;
נאָר אַלץ באַצויגען מיט אן אומעט,
עס איז קיין קלייניגקייט געשעהן...
דער גביר פון שטאָדט, דער גביר ר' יונה
איז מסוכן קראַנק, שוין ניט ביים זין.
עס העלפט קיין תּהלים, ניט דער מומחה,
עס האַלט גאַנץ שמאָל — ער געהט אהין...
אָך, וואָס וועט ווערן פון בלאַטניוּוקע?
אין לופטען פיהלט זיך שוין די נויט...
פאַר קהל ווער וועט איצט זיך מיהען?
וואו וועט מען איצט פאַרדיענען ברויט?

כאָטש אמת איז — דער ברויט קומט שווערלאַך,
אונ ס'רייסט זיך אוים גאַנץ אָפט א קרעכץ...
נאָר גאָט ווער קען דאָס קשיות פרעגען?
ר' יונה טהוט דאָך ניט קיין שלעכטס.
אַז אַלטער גביר פון כמה יאָהרען,
ווייל גאָט האָט איהם אזוי באַשערט.
האָט אויסגעבויט אַן אייגען שול־כעל,
דאָרט דאַווענען קיינעם ניט פאַרווערט.
די שטאָדט באַזאָרגט מיט תלמוד תורה
א גמילות חסדים אויך פאַראַן.
(ניט גלאַט אזוי — מען מוז א משכון,
מען קען ניט טרויען יעדען מאַן...)
אונ ווען עס מאַכט זיך א דבר מצוה,
צוערשט ר' יונה איז אין קאַן. —
זער רעדט זיין דאַווענען אונ זיין דבקה'ען...
ביים „שווערדעל" אויך דער גאַנצער האַהן.
אונ ס'ארא געמבע, ס'ארא תקיפות,
— מען זעהט דאָך טאָקע גאָטעס האַנד —
אונ לאָזט זיך נאָר ר' יונה הערען,
דאַן שטומט גאַנץ קהל ווי די וואַנד...
ווייל ווער וויים בעסער פון ר' יונה'ן?
ווער איז א שטיצע אין א נויט?
דערצו, מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסען,
פון וואַנ'ן מען ציהט דאָס שטיקעל ברויט...

ניט לאַנג געקומען איז א לעהרער,
ניט איד, ניט גוי, — פון יענעם מין...
געמאַכט אין שטאָדט א מישענינע,
די קינדער שיער פאַרפיהרט אהין...

געוואַלט די שניידערלאַך אויפהעצען,
אין אַלע פּועלים, האַק און פּאַק, —
ווי נאָר דערוואוסט זיך האָט ר' יונה,
שוין פּטור איז מען פון דעם שלאַק...

עס מעג זיך ערגעץ קעהרען וועלטען,
יונגאַטשעס ליאַרמען — חברה שמד —
דאָך רוהיג שלאָפט מען אין בלאַטניוועקע...
דאָרט הערש, באַשיצט ר' יונה'ס יד.
אַצינד, ער שטאַרבט... אַ שפּאַס ר' יונה!
אַהן איהם וועט זיין אַ טויטע וועלט;
אַהן איהם איז חושך גאַנץ בלאַטניוועקע,
ער איז דאָך פאַרט אַ איד מיט געלד!
אַ איד מיט געלד, אַ איד מיט שכל,
און סתם ר' יונה שטאַרבט אַוועק!
און חושך מהוט זיך אין דעם שטעדטעל
פון קליין ביז גרויס, מען איז אין שרעק.

מע' זאָגט, שוין פאַרטיג די צוואה;
אַלץ ריכטיג, פּינקטליך אויסגעשטעלט;
זיין גאַנץ פאַרמעג — צו זיינע יורשים...
און קהל אויך'עט ניט פאַרפעהלט:
אַ נייעם פאַרקאַן צום בית־עלמין,
אין שוהל — אַ ספר און אַ ש"ס,
און פאַר דער מטה צדקה טהיילען
צו יעדען אָרעמאַן אין גאַס.

ר׳ יונה שטאַרבט, עס העלפֿט קיין מיטעל,
און ס׳קרעכצט א יעדער: וועה איז מיר!
און וואָס — איך פרעג אייך — איז דער חידוש,
וואָס טויג בלאָטניוועקע אָהן דעם גביר...

דער נייער נגיד.

עס הורזשעט בלאָטניוּוקע
און גערהט ווי אויף רעדער,
מען רעדט מיט התפּעלות
פון נת'קע דעם בעדער.
א מענשיל א גאָר ניט,
געווען דוכט א גולם;
פון פרייטאג צו פרייטאג
געבעזעמט דעם עולם.
אזוי אין א מיטוואָך
געהאנדעלט מיט פישלאָך;
אמאָל אין א מארק־טאָג
געלאַטכענט צו בּיסלאָך —
און פּלוצלונג גאָר נאָ דיר
אַן עושר געוואָרען!
און מסחור'ט מיט אלעס,
מיט וויין און מיט קאָרען.
וואָס טויגען דיר חכמות
ווען ס'גערהט דיר דאָס „מזל"?
און בּלייבּסטו אויף ערליך
כאָטש גנב'ע, כאָטש גזל.
און נת'קע פאַמעלעך
האָט שכל געקריגען;
אבי נאָר דאָס שפּינוועב,
עס פעהלט ניט קיין פליעגען...

ער לעבט זיך „ליהודים"
גאָר שמחה וששון. —
א נדן, „א קניפּעל",
מען טראָגט צו ר' נתן.
ר' נתן, ער לקח'ענט
סאַי קליינגעלד, סאַי גרויסע
און ווינשט צו: מיט מזל!
—א איד, מהיכא תיתא —
ער האָט גאר א פּנים
א'ן אנדער באקומען...
אך! גרויס איז דער צויבער
פון ביסעל מזומן. —
פארגעסען איז גאַנצען
פון פריהער זיין פיהרונג;
זיין טאָכטער באהאנגען
מיט גאָלד און מיט ציערונג.
עס בלישצען בריליאנטען,
ווער קוקט עס אויף אויגען?
און ס'זענען חתנים
אין מאות געפלויגען.

ר' נתן, איהם ווילט זיך
נאר דוקא מיט יחוס,
אז איידעם א „זיידנעם",
און טאַקי מיט סמיכות.
און סחורה — איך פרעג אייך —
איז שווער צו באקומען?
אבי נאר די קלינגערס,
דאָס ביסעל מזומן!

דאָס מיידעל א שטילע,
זי זאָגט ניט פיעל דעות;
א שדוך געשלאָסען,
מען צעהלט שוין די מאות.
בלאָטניוועקע ז'צופריעדען,
ר' נתן ט'געטראָפען. —
און האָט מען געהוליעט,
דריי נעכט ניט געשלאָפען!
אין וויין און אין משקה
זיך ממש געבאָדען,
געלעקט גאָר די פינגער
פונ'ם לעקעך און פלאָדען,
היינט אחר הסעודה
די זיסע קאמפאטען...

גען ריכט זיך א צרה,
אזא מעשה שטן!
פון הויט ווי פון העלער,
אָהן טענות, אָהן לשון,
אָט נאָ דיר אן אָנזעץ
און צאָהלט ניט קיין גראשען.
פארפאלען די „קניפלאך"...
עס קלאָגען אלמנות,
חתנים און כלות,
א ביטער רחמנות!
און איינער דעם צווייטען
פרעגט: וואָס פאר א רוח
האָט איהם דאָ אין שטעדטעל
געמאכט פאר בטוח? — — — —

ר׳ נתן, ער ענטפערט
צום רב — נאָך מיט יושר —
און ס׳קריכען דיינים
ארויס מיט א פשר:
„היות, די עסקים —
ניט נתן איז שולדיג,
איז לכן, בעלי־חובות,
הערט אוים נאר גערולדיג;
נעהמט צו די געשעפטען;
אייך פרעמד איז דער ענין?
שאַ! נאַר ניט געליאַרעמט,
איהר מאַכט נאר א קנין,
און אלעם וועט גוט זיין,
איהר דארפט זיך ניט קלעמען,
זייט איהר „בעלי־בתים"
און נתן — דער „נאמן" — — — —

און מ׳האַט שוין געגרייט זיך
דאַס פסק־געלד משלם׳ען, —
טראַגט אַן ווי א רוח
דעם שוועסטעריל זלמן,
אונזאָך איהם א חברה
פון עכט גראַבע יונגען;
עס הייבען זיך הענט אויף
און קנאַקען די צונגען:
„וואָס הייסט ניט באַצאָהלען?
איין דר׳ ערד די עסקים!
אהער די ממתקים,
א־ניט — איך צובראַק איהם!"

אוןְ ס'האָט שוין געהאַלטען
בײַ פּעטש מיט קולאַקעס;
געה לעהרען דרך־ארץ
א חברה לאידאַקעס!
וואָס אַרט זיי א רב דען,
א פּשר, א דיין?
שוין פאַרטיג צום קלאַפּען,
נאָך וועניג דאָס שרייען! —

דער רב — שיער גע־חלש'ט
— א חלוש, א הוסטער —
ווער האָט עם גאָר כח
צו טענה'ן מיט שוסטער?
נו דאַרף זיך דאָרט טרעפען
— א נס נאָר פון הימעל! —
ר' נתן'ס א קרוב
דער שיינקער ר' זימעל, — — — — — —
ער שיקט גלייך נאָך משקה
א ברענענדיג ביסעל,
דערצו אויך פאַרבייסעכץ
א גאַנץ היבשע שיסעל.
מיין זלמן צום טראַפּען
פון לאַנג שוין א בעלן, —
ער גיט זיך א טשובע:
„עט! נאָך ניט פאַרפאַלען.

און וואָס זיך דאָ איילען?"
א כוס'ע, א צווייטע, —
ר' נתן דערוויילע, ,
קיין נאר ניט, מאַכט פליטה — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —
און נאָך דעם? — וואָס פרעגט איהר!
עס געהט אַלץ כשורה;
א שוסטער צושרייט זיך,
עס האָט מיר א צורה!
ר' נתן איז „נאמן",
און לעבט אין... עשירות;
איהר רייסט זיך, איהר בייסט זיך,
איהם קומט דאָך זיין שכירות...

אַן איבערקעהרעניש.

אוי! האָט עס אַן אונגליק
א גרויסער געטראָפּען
אין אונזער בלאָטניוועקע...
אז גאָט וויל נאָר שטראָפען!
א נייע כאָליאסטרע
ווי פרעמדע געקומען,
פון שטעדטיל די לייצעם
אין גאַנצען פארנומען;
די „פּני" ווי אויף חוזק
פון הינטען פארבליבען;
דאָס ביסעל כלי־קודש
אין גאָר ניט צוריבען.
עס שליסען חברותא
די אידען מיט גוים,
אוים שוהלען, אוים קלויסטערס,
א פעקיל רשעים!
דעם שניידער'ס בן'אָקיל
און אונזער רב'ס בתולה,
זיי רופען זיך „חבר"...
א קלאָג צו דער גדולה!

און נעמען גאָר נייע,
א צרה, א „בונדיל",
דער קירזשנעריל צמח,
דער שוסטער־יונג זונדיל. —

גאָט'ס נאָמען געלעסטערט,
מען לאַכט פון זיין קיסר; —
א ליאַדע א גאַר ניט
געוואָרען א ווייסער,
און מישט זיך אין אלעס, —
עס העלפט ניט קיין טאַטע;
און זאָגסטו איהם מוסר
נו... הערט ער אין פּיאַטע.

גלייך זאָלען זיין אלע,
אוים רייך און אוים אָרעם;
זאָל האָבען א דעה
א יעטווידער וואָרעם — — — — — — — —
און מיינט איהר מען שווייגט זיי?
אַט בושעוועט פּערדלאַך!
עס סווישטשען נאַהאַיקעס
און קלינגען אויך שווערדלאַך.

מען רייסט און מען צופּעט,
מען שינדט פון זיי פּאַסען;
ניט איין מאָל עס מאַכט זיך
גיסט בלוט אין די גאַסען;
ניט איין ביסעל חברה
פארשיקט ווייט אין צפון — — — — — — — —
נו, וואַקסען אוים נייע
און לאָזען ניט שלאָפען.
און צינגלעך אויף שרויפען
פארהילכען דעם מוח;

און פאַלט א געשלעג צו
באַוויייזט מען אויך כח!
ניט גאָט נאָר גע'פּטר'ט —
קיין שרעק פאַר יונים!
מען זינגט אויף ביים גוס'ען,
— א באַנדע עקשנים — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

איך בין שוין קיין קינד מעהר,
געזעהן קריגערייען;
געליאַרעמט, געשריען,
געבליבען ביים שרייען;
מען קאָן דאָך א וועלט ניט
קאַפּויר איבערשטעלען;
פון אַרבייט צופרידען,
עס זאָל נאָר ניט פעהלען —
איצט געהט עס צו אַנדערש,
גאָר פּועלים יד־אחת;
מען סטרייקט ווי אין אויסלאַנד,
דערלעבט זיך א נחת!

אַט פּונקט דער אוקינוס
אַפּט רוהיג פון אויבען,
נאָר אונטען עס בורעט,
דו קענסט איהם ניט גלויבען

אַזוי איז בלאַטניוועקע
ניט זיכער קיין רגע;
דו קלייבסט זיך צום שלאָפען
און פּלוצלונג — א פּגע!

דו ווייסט ניט אין מאָרגען
די נאַכט וואָס וועט געבען;
עס וואַרפט א קדחת,
און ס'רייסט זיך דאָס לעבען;
בטחון — צוקראָכען,
געוואַסערט דער גלויבען,
צופּיצעלט, צוברעקעלט
פון אונטען, פון אויבען. —
עס העלפען קיין שטריקלאַך,
קיין לאַטעס... פארפאלען!
אַן איינגע קאַפּאָטע
מוז פּלאַצען, צופאלען. —

1908

דערמאָנט זיך מיר...

דערמאָנט זיך מיר אַ בילד אַזוינס:
אַ גרויע שטעדטעלע, אַ קליינס,
אַ שטיבעלע אויף הינטער־פּיס,
אין יעדער ווינקעל לאָך און ריס,
אַ שטרויען דאַך מיט לעכער פול,
אין שטיבעל אַ צובראָכען שטוהל,
אויף ד׳ערד אַ בעזעם אויסגעשטרעקט
און אויף דער וואַנד, מיט שטויב באַדעקט
אַן אַלטער מזרח, לייבען צוויי
פאַרבליאַקעוועט און גרוי אַזוי,
אַ מאַטע שיין אין פענסטער־לאָך,
און אַט אַזוי אַ גאַנצע וואָך...

* * *

נאָר ווי דער שבת קומט צו געהן,
פאַרוואַנדעלט ווערט דאָס שטיבעל קליין
ווי דורך אַ צויבער, שעהן און ריין
איז יעדער ווינקעל, יעדער שויב,
דער געלער זאַמד, זיין יעדער שטויב
עס שימערט, זינגט אַ שבת־לויב.
דער מזרח אויך, די לייבען צוויי
זיי קוקען שבת׳דיג אַזוי.

ארום דער באָבע ס"קליינוואַרג גיך
פאַרכאַפּען ערטערלאַך פאַר זיך,
און זי, די גוטע, האַלב אין שלאָף,
דערצעהלט אונז מעשה'לעך אָהן סוף. —

1916

צווייברידער.

עס הייבט די באָבע אָן אזוי :
געוועזען זענען ברידער צוויי,
איין טאטע־מאַמע האָבען זיי
געהאָדעוועט, האָליובעט גלייך,
אין זייער שטיבעלע, ביים טייך,
געלעבט צופרידען, כאָטש ניט רייך.

די צייט, די צייט, זי שטעהט ניט שטיל,
אוועק עס זיינען יאָהרען פיעל...
שוין טאטע־מאַמע זענען טויט,
די ברידערלאך, זיי זוכען ברויט. —
א הער א הין, ביים ברייטען וועג
עס קלייבט זיך יעדער אויס זיין שטעג.

גענאָנגען איינער איז ניט ווייט;
די פעלדער גרין פון יעדער זייט,
דער וואלד געקושט פון זונען שטראַהל,
און וואסער פליסט א ריינער קוואל.

ער טראַכט ניט לאַנג און קעהרט צוריק
צו זיך אהיים, געפינט זיין גליק.
ער שניידט זיין קאָרען וואָס ער זייהט
און קומט אהיים, ווען זון פארגעהט.
בעגעגענ׳נען איהם זיין ווייב און קינד

מיט פּנים׳ער געגלעט פון ווינד,
מיט אָרעמס פעסטע, שטאַרקע הענד,
און שלום הערשט אין זיי׳רע ווענד.

דער צווייטער געהט און געהט גאַנץ לאַנג.
פאַרפיהרט איהם האָט א בייזע שלאַנג
מיט גאָלדען־גלאַנץ, מיט זילבער־קלאַנג.
אין פרעמדען לאַנד, א גרויסע שטאָדט,
וואו דאָרען, שטיין אויף יעדען טראָט,
וואו ס׳איז ניטאָ קיין מענש, קיין גאָט...
דאָרט ניט ער זייהט און ניט ער שניידט,
און קומט אהיים קיין מאָל אין צייט,
זיין ווייב און קינד איהם זענען פרעמד
ער שרעקט זיך פאַר זיין אייגען העמד,
ער זאַמעלט גאָלד און זילבער בלויז,
און האָט קיין שלום ניט אין הויז...

1916

אויף יענער זייט סמבטיון.

— נו זיצט־זשע קינדערלעך, זיצט שטיל.
געגוג זיך רייצען, קריעגען...
און שוין ווערט שטיל. עס הערט זיך נאָר
דאָס זשומען פון די פליעגען.
שאַ, שטיל. די באָבע שמייכעלט אויף,
פאַרשטעהט וואָס מיר פאַרלאַנגען;
זי קוקט אויף אונז א וויל און טראַכט,
פאַנגט אָן אין שטילען באַנגען:

* * *

אויף יענער זייט סמבטיון
פאַראַן א וואונדער־לאַנד; —
דאָרט וואַלגערען זיך אוצרות,
מען נעהמט זיי ניט אין האַנד.
ניטאָ קיין שררות דאָרטען
קיין אָרעם און קיין רייך, —
דאָרט וואוינען די בני־משה,
דאָרט זיינען אַלע גלייך.

די הייזער — נאָר פּאַלאַצען,
פון אַלץ פאַראַן גענוג, —
עס הערשט דאָרט אייביג שלום,
מען ווייס ניט פון באַטרוג.

זיין ארבייט טהוט דאָרט יעדער
מיט פלייס און מיט פאַרלאַנג;
מען קרעכצט דאָרט ניט די „זמירות“ —
דאָרט שבת הילכט געזאַנג.
דאָרט לערנען קינדער פלייסיג,
מען דאַרף צו זיי קיין רוט,
זיי באָדען זיך אין וואָוילטאַג
און זיינען שטענדיג גוט.

נאָר קיינער קען ניט קומען
אהין, צו יענעם לאַנד! —
א גאַנצע וואָך סמבטיון
וואַרפט שטיינער נאָכאַנאַנד.
און ווען עס קומט שוין שבת,
סמבטיון שטיל בלייבט שטעהן.
איז מעהר ווי א תחום־שבת
אהין אריבער געהן...

1917

אליו-נביא.

(א פסח מעשה'לע.)

„עס איז שוין אזוי צוטיילט די וועלט:
דעם קבצן די קינדער, דעם נגיד דאָס געלט."
(פאָלק'ס ווערטעל.)

יעדען פסח, ווען די ערשטע
ליל שמורים קומט,
ווען דער ערב־פסח טומעל
ליגט שוין איינגעשטומט,

און די קליינוואַרג, און די גרויסע
אויסגעצוואַגט, פאַרקאַמט;
ווען די הייזער און די שטיבלאַך
שטעהען אויפגעראַמט.

און אין לופטען שמעקט מיט יום־טוב,
אידישלאַך, פאַרפרומט, —
דאַן פון הימעל, שטיל באַשיידען
אליהו־נביא קומט.

ניט מען הערט איהם, ניט מען זעהט איהם.
זיכער איז נאָר בלויז,
אז צו „שפוך חמתך" קומט ער,
וואו א אידיש־הויז,

און ער ברענגט מיט זיך מתנות,
גוטע ברכות צוויי;
געלט און קינדער. און ער טיילט אויס
נאכ'ן יושר זיי.

זעהט ער וואס איז קודם נויטיג,
יעדען נאך זיין שטאנד,
געלט צו קינדער — און דער אלטער
שענקט מיט פולער האנד.

און פון שטוב צו שטוב כסדר
אליהו־נביא געהט.
אומעטום מיט וויין מיט רויטען
שטעהט זיין כוס שוין גרייט.

אלע שייבלאך ריין געוואשען,
ליכטיג, ציכטיג, שעהן.
איצט איז יעדער איד א מלך
אין זיין שטיבעל־קליין.

הארציג־אומעטיג, עכט אידיש,
טראגט זיך א געזאנג
פון הגדה, אלטע נסים, —
טרויריגלאך און באנג.

טאַטעס, מאַמעס זיצען אונטער;
קינדער אין דער פרעמד,
מוזען נעבאַך ברויט פאַרדינען,
און א קלייד, א העמד.

ווען דעם אומעט זעהט דער אַלטער
באַלד פאַר זיך ער קלערט:
„וועניג יונגוואַרג. קינדער, קינדער
זאָל אייך זיין באַשערט“.

און אזוי דאָס גאַנצע געסעל,
קיינעם ניט פאַרפעהלט;
אויסגעשענקט די קינדער „ברכה“
גאַנץ — די „ברכה געלט“. —

באַלד דערזעהט ער, הינטער בוימער
שטעהט א הויז, צו צוויי,
גראָם די צימער, אויף די טישען
שפּייזען אַלערליי.

וויינען שיינען אין די כוסות
און א צאָהל, א מאָס,
דאַרף ער זוכען מיט די אויגען
ביז ער זעהט זיין כוס.

און א סדר — שוין א סדר,
ווי ס׳באַדאַרף צו זיין,
און א כאַפּטע יונגע חברה
ביז אין קיך אריין.

אַט וואו קינדער, אַז עין־הרע,
זיינען דאַ אַן שיער;
און זיי אַלע אויפצוהאַלטען
מוז מען זיין א גביר.

אליו־נביא טהוט א שמייכעל:
„כ׳האַב גענוג פאר אייך;
קינדער האַט איהר, זאָלען לעבען,
נאַט אייך געלט, זייט רייך...“

יאַהר נאָך יאַהר, אַזוי כסדר
בענשט ער אונזער וועלט;
קינדער מעהרען זיך ביים קבצן,
און ביים נגיד —געלט. — — — —

1915

למד-ואו-צדיקים.

(לעגענדע)

א.

למד־ואו־צדיקים,
צוויי מאָל ח"י צום לעבען,
זעקס און דרייסיג זיילען
האַלטען אונזער וועלט אויף.
אונזער וועלט איז זינדיג.
גרויסע בערג עברות
וואַקסען, ווערען מעהרער
דור נאָך דור כסדר.
דור נאָך דור די מענשען
מעהרען זיך אָהן אויפהער;
מעהרען זיך עברות,
וואַקסען נייע בערג אוים.

נייע בערג און שווערע
וואָלט פון זייער משא
חרוב לאַנג געוואָרען
אונזער וועלט אין גאַנצען.

נאָר דער גוטער בורא
טהוט ניט אָב זיין חסד;

האָט ער אונז געגעבן
למד־ואו־צדיקים.
שטענדיג זעקס און דרייסיג,
צוויי מאָל ח"י צום לעבן.
ס'טאָר ניט איינער פעהלען,
האָט די וועלט א קיום.
רופט אמאָל גאָט איינעם,
שיקט ער באַלד א צווייטען,
ס'זאָל די ערד, חלילה,
זיך ניט טאָן א טרייסעל
פון די בערג עברות,
גרויס און שווער די משא; —
האַלטען אונזער וועלט אויף
זעקס און דרייסיג זיילען.

ב.

למד־ואו־צדיקים
אויף דער וועלט צושפּרייטע;
קען מען קיינמאָל וויסען,
ווער איז למד־ואו'ניק.
דאָס נאָר ווייס מען זיכער,
ניט אין קיין פּאַלאַצען,
וואו כל טוב און וואוילטאָג,
וואוינט א למד־ואו'ניק.
רייכע שפּייזען, ווייגען,
פלייש פון פעטע רינדער,
ריהרט ניט אָן דעם גומען
פון א למד־ואו'ניק.

טרעפט אין גאַס א טרעגער,
מיט א שטריק די לענדען
געהט ארום געבונדען, —
איז א למד־װאָו'ניק.
טרעפט א בעל־מלאכה,
פּראָסט אַן עם־הארץ,
קען צו מאָל ניט דאַוונען,
איז א למד־װאָו'ניק. —

ג.

ווערט דערצעהלט אין מדרש.
ס'האָט אמאָל א תנא
אויף אַן אַלטען אייזעל
אין א וועג געפאָהרען.
פול דער וועג מיט שטיינער,
גריבער פון די זייטען;
פאָהרט אזוי דער תנא,
לערענט שטיל די תורה.
פּלוצלונג הערט ער, עמיץ
פון א גרוב א ווייטען
רעדט און בעט פון הארצען,
בעט און רעדט תחנונים.
וואונדערט זיך דער תנא,
וואָס זאָל דאָס באַדייטען?
שטעלט ער אָב זיין אייזעל,
קריכט אראָב פּאַמעלעך.

און שטרענגט אַן דעם אויער,
וועט ער נאָך וואָס הערען ?
הערט ער נאָר, ווי עמיץ
רעדט און בעט תחנונים.

„מן־הסתם א סבה,
צו פקוח־נפש,“ —
און צום גרוב צום ווייטען
לאָזט זיך געהן דער תנא.
זעהט ער שטעהן א מענשען,
אין א גרוב א טיפען,
און אין גרויס התלהבות,
האַלב פאַרמאַכט די אויגען,
רעדט דער מענש פון האַרצען :
טמא, טמא, טמא.
רעדט און חזר׳ט איבער :
טמא, טמא, טמא.
אַרעם זעהט דער מענש אויס,
און פאַרגרעבט זיין פּנים ;
מיט א שטריק פאַרגאַרטעלט
זיינען זיינע לענדען, —
נאָר אין לופט — עס פיהלט זיך —
שוועבט ארום די שכינה.
גלייך — עס זעהט דער תנא,
אז דער מאַן טהוט תפילה.

ס׳האָט איהם ווער מסתמא
„טמא“ אויסגעלערענט.

ווייס ער דאָך דעם טייטש ניט,
שרייט ער: טמא, טמא.
קלערט ביי זיך דער תנא:
„טמא“ פּאַסט פאַר גאָט ניט.
און דעם עם־הארץ
נעהמט ער „טהור“ לערנען.
פיעל עס האָט גענומען
אַט דעם עם־הארץ
„טהור“ קענען זאָגען.
קיינער קען ניט וויסען.
איין זאַך נאָר איז זיכער;
מיד און אויסגעמאַטערט
צו זיין אַלטען אייזעל
קעהרט זיך אום דער תנא.
נאָר די אויגען לויכטען,
ס"שיינט אין זיי אַ תענוג;
איצט דער עם־הארץ
וועט שוין דאַוונען „טהור“.

ד.

רייטענדיג דער תנא
לאָזט אין וועג זיך ווייטער.
און אין אויער קלינגט איהם:
טהור, טהור, טהור,
קומט אַז בין־השמשות,
זינקט די זון אַ מידע.

לאַנגע, גרויע שאָטענס
פון די בערג שוין קריכען.
ווערט דער וועג אַלץ שווערער,
איז גענייט דער אייזעל,
מיידט ער אויס די שטיינער,
און מיידט אויס די גריבער.
שטאַרק פאַרטיפט אין תורה
איז פאַר זיך דער תנא,
און אין אויער קלינגט איהם:
טהור, טהור, טהור.
פּלוצלונג בלייבט דער אייזעל
שטעהן א צוגעשמידטער,
וויל פון אָרט ניט ריהרען.
ס'העלפט איהם ניט קיין בייזער.

טהוט א טראַכט דער תנא,
מיר דער אייזעל, נעבאך.
און ער וויל דעם אייזעל
ביי דעם צוימעל פיהרען, —
ערשט אליין, ער אויב'עט
קען פון אָרט ניט ריהרען.
כאַפּט איהם אָן א שווינדעל,
לויפט איהם דורך א ציטער.
פינסטער שוין געוואָרען.
און אין דיקען חושך
נאכט געשטאַלטען שוואַרצע
שליסען זיך אין רינגען,
און צום תנא ווינקען
מיט די אויגען־גריבער,

און ווי פרעך זיי טאַנצען,
ס'טרייסעלט אַזש די ערד זיך.
פאַלט אַרויף אַ פּחד.
רופט ער אויס גאָט'ס נאָמען.
ענטפערט גלייך פון הימעל
איהם אַראָב אַ בת־קול:

„גרויסער, גוטער תנא!
האָסט אַ מענש דער'הרג'עט;
יענער עם־הארץ
ז'נאַר וואָס אויסגעגאַנגען.
האָסט זיין הארץ צובראָכען
מיט דיין „גוטער" לעהרע.
„טהור" — גיך פאַרגעסען
ניט געדענקט מעהר: „טמא".
טייטשען זיינען גאָר ניט,
עיקר איז כונה;
האָט פאַר גאָט זיין „טמא"
„טהור" זיך גערעכענט..."

און דעם גרויסען תנא
קלאָהר איז באַלד געוואָרען,
אַז אַ למד־ואָו'ניק
האָט די וועלט פאַרלאָזען.

1919

דער שדים־טאַנץ

נעהם צו מיין האַרף...

נעהם צו מיין האַרף, נעהם צו!
איך קען ניט זינגען יעצט.
ערנידריגט איז מיין גאָט,
זיין היכל איז פאַרלעצט.

פאַרפלייצט איז זיין אַלטאַר
מיט מאַרך און הייסע בלוט;
זיין הייליגטום צושטערט
אין ווילדען האַס און וואוט.

און ס'לייענט פרום דער מענש
דעם אַלטען נביא'ס רייד:
„דיין שווערד צום אַקער מאַך,
און זייה און שנייד מיט פרייד..."

און גיסט דערביי אַ קויל
פון אַקער־אייזען אויס,
און שאַרפט און שלייפט זיין שווערד
און לויפט אין שלאַכט ארויס...

1914

אין גן-עדן.

און גאָט האָט בעשאַפען דעם מענשען שטויב
פון דער ערד און ער האָט געמאַכט זיין אָרט
אין גן־עדן. (בראשית ב׳)

שעהן און רייך איז דער גן־עדן!
אלל־דאס־גוטס איז דאָרט פאראנען.
פול מיט פרוכטען אָנגעלאָדען
שטעהען בוימער ווי טיטאנען.

אין א רינג פון שעהנסטע בלומען,
שטאָלץ דעם קאָפּ גאנץ הויך פאריסען,
שפּרייט זיך גדלות'דיג פונאנדער
גאָט'ס געזאלבטער „בוים פון וויסען".

גאָט'ס געבענשטער „בוים פון לעבען",
אונטער סנאָפּעס גאָלד'נע שטראהלען,
טיעף געוואָרצעלט, וואקסט ער קרעפטיג
אין א קרייז פון זילבער קוואלען.

און דער מענש, דער „גאָט'ס אַנטיקעל"
איז באזאָרגט מיט אלעם גוטען,
נאָר די שלאנג ווערט זיינ'ס א חבר.
און עס זידען ווילד די בלוטען...

שוין פאַרהאַקט איז דער גן־עדן,
העגגט א שווערד געפּאַרבט אין רויטען ; —
נע־ונד דער מענש, פאַרטריבען,
און א ברודער שטעכט א צווייטען — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

פול כל־טוב איז דער גן־עדן!
דאָך די מענשען וואָפען שמידען...
גאָט! דו האָסט דאָרט אַלץ באַשאַפען,
בלויז פאַרפעהלט א „בוים פון פריעדען..."

1916

שטורעם ליעדער.

שטורעם ליעדער זינגט די צייט מיר;
מיט א שאַרפען שווערד זי טייט מיר
אַז אויף רויטע שורות נאָטען, —
מיט א שרעקליכען געפילדער
גרויליג ברומט א כאָהר א ווילדער
אנגעפיהרט פון שווארצען שאָטען.

גאָר די ערד געהילט אין פלאַמען,
פליהט דער פייער איבער ים'ען,
לאָזט ניט אוים קיין איינציג ווינקעל;
קנוילט א רויך — דערשטיקט צו ווערען...
דורך דעם נעבעל, דורך דעם שווערען —
טהוט קיין שטערען ניט קיין פינקעל.

גיסט און גיסט א רויטער מבול,
קיינע רעטונג פון מחבל,
אַלץ צעשטערט איז און צוטראָטען, —
און נאָך ברומט דער כאָהר, דער ווילדער,
מיט זיין שרעקליכען געפילדער,
אויס די רויטע שורות נאָטען...

1917

טויטע שיפען.

שווערע, גרויסע שיפען שווימען
איינגעפּאַנצערט שטאָהל און אייזען,
שטיל זיי שניידען דורך די כוואַליעס,
און באַזאַכט זיי רייזען, רייזען.

ווערט אַ נייער טאָג געבוירען,
האַלדזט די זון דעם ים, דעם ברייטען, —
נאָר די מענשען קוקען ערנסט,
גלייך אַ טויטען זיי באַגלייטען.

קומט די נאַכט אָן. — אין די רוימען
ווינקען, שמייכלען טויזענד אויגען...
טויטע־שווערע שיפען שווימען
אין אַ שוואַרצען רויך פאַרצויגען.

1917

בלוט און פייער.

בערג און טהאָלען, ליעבע פעלדער,
ווער האָט אייך אזוי צוגראָבען?
— ניט דער שאַרפער אקער־אייזען
האָט אזוי אונז שאַרף צוגראָבען. —

רויהער שטאָהל האָט אונז צוראיעט,
אנגעזאָפּט מיט בלוט און טרויער,
און מיר פעלדער שמאַכטען, וואַרטען
אויף דעם אַלטען, גוטען בויער. —

שעהנע, שטאָלצע, דיקע וועלדער,
ווער האָט אייך אזוי פאַרוויסטעט?
— ניט קיין שטורעם, בליץ און האָגעל
האָבען אונז אזוי פאַרוויסטעט. —

גיהנום'ס פייער האָט פאַרפלייצט אונז,
יונג און אַלט אַהן צייט פאַרשניטען;
רונד ארום הערשט טויט. — נאָר שוואַרצע
ראָבען קראָקען אין דער מיטען.

1917

אונזער הילף.

1.

...און שטיקענד איז די לופט,
עס אטהעמט זיך קוים, קוים.
דער שלאָף איז שווער ווי בליי,
נאָך שווערער איז דער טרוים; —

אין פייער און אין רויך
פאַרוויקעלט איז די ערד,
עס קאָפּעט הייסע בלוט
אַראָב פון שאַרפען שווערד.

די אַלטע היים — פאַרוויסט,
צו אַש — דעם פאָטער'ס הויז,
און טויט די מוטער ליעגט,
די קינדער געהן אויס.

פון הונגער און פון קעלט.
ניטאָ קיין היים, קיין רוה —
— — — — — — — — — — — — — —
איך זשאַל'ווע ניט קיין קרעכץ,
און וואַרף א גראָשען צו...

2.

וואו איז דער גראָהער גרייז,
מיין אַלטער פֿאָטער, איצט?
און לעבט ער נאָך, איז ער
פֿון הונגער, קעלט באַשיצט?

מיין ברודער'ס שטומער קוק
דערצעהלט פֿון אַנגסט און פּיין, —
מיין שוועסטער'ס וועה־געשריי:
„ווער וועט צו הילף מיר זיין?!"

מיר לעבערט דורך דאָס האַרץ,
און רויבט אַוועק מיין רוה...
— — — — — — — — — — — — — — —
איך זשאַל'ווע ניט קיין קרעכץ
און וואַרף א גראָשען צו...

1915

א ב י י ט.

השמים שמים ל"ת והארץ נתן
לבני אדם.—תהילים.

פאַר זיך די הימלען האָסט פאַרנומען,
פאַר אַלע האַרען — בלויז איין ערד,
און ווילסט זיי זאָלען זיין צופרידען,
און שלום זאָל ניט זיין געשטערט!

אָ, דיר איז גוט, אַז דו ביזט איינער,
אין זיבען הימלען וואוינסט אליין,
וואָס זאָלען אָבער טאָן די האַרען,
אַז אונזער ערד איז זיי צו קליין?

די גאַנצע ערד קלעקט קוים פאַר איינעם,
און האַרען זיינען אַזוי פיעל!
נו, האַלטען זיי זיך אין איין קריגען:
די גאַנצע ערד א יעדער וויל.

האָב מיטלייד, גאָט, און בייט מיט זיי זיך:
גיב יעדען האַר א הימעל־רוים,
און דו אויף אונזער ערד באַזעץ זיך,
און שלום וועט ניט זיין קיין טרוים...

1918

וואוהין?...

דרויסען שמעקט דער פריהלינג,
קאַלט אין שטוב און נאַס;
ליעבערשט וואָלט איך בעסער
זיין איצט אויף דער גאַס.

ליעגט די גאַס אין שטיינער
איינגעקלאַמערט פעסט,
בעסער שוין אין וואַלד זיין
פריי אויף גאָטעס קעסט.

האַקט מען אוים דעם וואַלד איצט,
בויט מען שיפען גרויס, —
וועל איך איבער ימים
לאָזען זיך ארויס.

זיינען פול די ימים
רויך און קנאַל אהן ברעג,
זאָל שוין זיין אין לופטען
מאַכען זיך א וועג.

טומעלט זיך איצט דאָרטען
אויך אזוי ווי דאָ...
דרויסען רופט דער פריהלינג,
וואו צו געהן ניטאָ. — —

1917

צוויי העלדען.

1.

א שורה אָרדענס אויף זיין ברוסט
ער טראָגט, דער גרויסער העלד,
און ווירדיג איז זיין יעדער ריהר,
ווען ער באַטראַכט דאָס „פעלד“.

זיין יעדער וואָרט צוטראָגט זיך ווייט
און ווירקט ווי כשוף־מאכט;
א צייכען בלויז, און ס'פלאַקערט אויף
דער גיהנום־בראַנד, די שלאַכט.

ער שטעהט דער העלד. אין פּנים גלייך
ער קוקט אריין דעם טויט.
עס פאַלען קעפּ ווי זאַנגען שטרוי,
די ערד ארום איז רויט.

א צייכען זיינס, א מאַך פון האַנד
לעשט לעבענס, לעבענס אויס...
א שורה אָרדענס אויף זיין ברוסט,
באַלוינט דער העלד און גרויס. —

2.

א שורה פינגערלאַך ווי שעהן
באַצירט דער מוטער'ס ברוסט;
און יעדען פינגערעל ווי צאַרט
און ליעב די מאַמע קושט.

זי האָט איהר קינד אין אנגסט און פיין
געטראָגען און געהאַט;
און אויך דעם טויט פאַר זיך געזעהן
מיט אויגען בלאַס און מאַט.

זי עפענט אויף איהר ווייסע ברוסט
און שטעקט צום קינד ארויס.
א שורה פינגערלאַך, ניט מעהר,
באַלוינט די מוטער גרויס.

1917

א יום-טוב.

(„ותבא אליו היונה והנה עלה־
זית בפיה...״) בראשית ה׳.

ביי איהם איז א יום־טוב, א יום־טוב א גרויסער,
כאַטש וואַכעדיג אַלץ איז ארום;
די ערד איז פארשטיינערט, מען זעהט ניט קיין גרעזעל,
ביי איהם בליהט אין הארצען א בלום.

צוריסען די שטיוועל, עס רינט אריין וואסער,
און קאַלט איז, עס שניידט יעדער טראַט;
ארום אַלע שעלטען און פלוכען די קעלטען,
און ער זינגט גאַר שבחים צו גאָט.

עס ווערען די וואַלקענס נאָך שווערער און שוואַרצער,
מען זעהט ניט קיין ליכטיגען שיין;
און איהם געהט א זון אויף: „וואס ערגער איז בעסער,
עס וועט שוין די גאולה באַלד זיין״...

ער פייערט זיין יום־טוב אליין, מיט התלהבות,
כאַטש טרויעריג איז אַלץ ארום.
עס דאַרבען די פעלדער, די וועלדער פאר׳שרפה׳ט,
ביי איהם בליהט אין הארצען א בלום. —

1918

אין שווערע טעג...

(א נבואה)

„והיה באחרית הימים...“

אין שווערע טעג פון מאָרד און טויט,
פון גסיסה־שמערץ און הונגער־נויט,
עס האָט אין מיר א קראַפט ערוואַכט,
און האָט ערוואַכט מיט שטאַרקער מאַכט, —
די קראַפט וואָס שאַפט, און בויט, און פלאַנצט,
כאָטש זעלטען ווען זי ווערט באקראַנצט...

איך האָב צוריק דערפיהלט מיין גאָט,
און זיכער, פעסט ער ווערט, מיין טראָט,
כאָטש דאָרן, שטיין מיך רינגלען אום,
און חושך איז, א גרויל, ארום.

און גאָטעס וואָרט גליהט אין מיין ברוסט,
און גיט מיר מוט, און פרייד, און לוסט,
און גיט מיר קראַפט וואָס שאַפט און שטרעבט,
איך ווער באנייט, איך ווער באלעבט.

און איך שטרעק מיינע אָרעמס אויס,
און געה פאָראויס, פאָראויס, פאָראויס,
כאָטש מיר ארום פאַרפלייצט דער וועג
איז מיט הרוגים אָהן א ברעג...

און איך רוף אויס: אזוי זאָגט גאָט!
איהר האָט מיין וואָרט געמאַכט צו שפּאָט,
איהר ווילט מיט שפּיעז, מיט פייל און שווערד
אויפהאַלטען שלום אויף דער ערד?...
א חורבה ז'אייער פעסטונג בלויז!
צופוילט — דער זייל פון אייער הויז!
ס'איז נאָר פאַרפּוצט, באַפאַרבען שעהן,
אומזיסט די מיה! ס'וועט לאַנג ניט שטעהן!...

א ווינד קומט אָן, א שטורם ווינד,
אויף פליגלען טראָגט ער זיך געשווינד,
און בלייבען וועט ניט נאָך דעם שטורם
קיין זכר מעהר פון אייער טהורם!
און איהר אליין מיט אייער מאַכט
פאַרשווינדען וועלען, ווי די נאַכט...

און דאַן וועט קומען גרויס דער טאָג
פון פריעד און פרייד אָהן מאָס, אָהן וואָג...

1915

ביבלישע מאָטיוון

שמשון׳ס טויט.

(פּאָעמאַ)

„תמות נפשי עם פלשתים".

א.

געשמידט אין שווערע קייטען זיצט דער בלינדער ריעז,
און זיין געגאָלטער קאָפּ איז צו דער ערד געבויגען;
גאָטס קראַפט שוין אָבגעטהאָן פון איהם. און אַלץ איז אויס,
די גאַנצע וועלט פאַר איהם מיט שווארצען איז באצויגען.

ניטאָ די לאָקען מעהר! ניטאָ די ריעזען קראַפט
דאָס ווילדע פלשתים פאָלק צוריק פון רויב צו האַלטען;
ניטאָ די אויגען מעהר! ניטאָ דער אָדלער בליק,
וואָס האָט זיין אייגען פאָלק אַזוי אין צוים געהאַלטען. —

דער שווערער מילשטיין, וואָס ער דרעהט א גאַנצען טאָג,
איז נאָר א שטויב אַנ׳קעגען יענעם שטיין דעם שווערען,
וואָס דריקט און פּרעסט זיין גרויסע גבור־ברוסט, —
צו גרויס, צו טיעף דער שמערץ, זיך קעגען איהם צו וועהרען.

זיין אָבענד־ברויט ליעגט לעבען איהם ניט אָנגעריהרט,
עס וויעגט זיך קוים זיין שווערער קאָפּ. א מיעדער דרימעל
איהם כאַפּט ארום, ער זעהט זיך ווידער פריי און שטאַרק.
צו איהם לאַכט אויף די זון, און שמייכעלט יעדע בלימעל.

ער געהט קיין תמנת. און רווישיג פּליסט זיין בלוט,
דאָרט שטעהט זיין ליעבעם כוס געפּיהלט מיט וויין, מיט זיסען...
און פּלוצלונג צאַמט זיין וועג א יונגער לייב מיט ברום...
איין שפּרונג — דער יונגער לייב אין שטיקלעך ליעגט צוריסען.

אַט לויפט ער ווי א הירש אריבער פעלז און שטיין;
די שעהנסטע טעכטער איהם זיי זינגען לויב געזאַנגען.
אַט פאַלט ער אַז אויף ס'פּלשתים פאָלק, און מחנות־ווייז
זיי פאַלען אוים פאר איהם, ווי פאר א שניטער זאַנגען.

אַט רוהט זיין לייבען־קאָפּ אין דלילה'ס ווייכען שוים,
זי וויעגט איהם צאַרט און זים: „שלאָף איין, דו מיין געליעבטער"...
איהר הייסער קוש פאַרקלינגט... קלינגט אַב א קאַלטע שער,
און ס'שווידערט שמשון אויף פון דרימעל א באַטריעבטער. —

שטיל, פינסטער איז די גרוב. א דומפּפּער אבקלאַנג נאָר
טראָגט זיך פון א הוליאַנקע אויבען דאָרט פול פייער, —
און יעדער קלאַנג און רויש איהם לעכערט דורך די ברוסט; —
אָה, גאָט! צו גרוים די שטראָף און שרעקליך אונגעהייער.

ניטאָ די קראַפט, דאָס ליכט, אויף אייביג שוואַך און בלינד,
און ס'ברומט ארוים א פיינליך יאָמער־קרעכץ דער גבור, —
נקמה נעהמען — אַך! — ניטאָ גאָט'ס קראַפט! —
און ס'קאַפּען טרערען היים פון זיינע אויגען גריבער.

ב.

עס קלאַפּען די טאַצען, און הילכט אַב דער פּויק,
און ס׳קלינגען געלעכטער, געזאַנגען;
זיי הוליען, די פּלשתים, די סרנים, דאָס פאָלק.
געפאַנגען איז שמשון, געפאַנגען!

געפאַנגען איז שמשון... און דלילה איז גרויס,
ארום איהר די דיענער מיט פּעכערס,
צו איהר שמייכלען אַלע און שלינגען איהר בליק,
און פילען פאַר איהר אָן די בעכערס.

און מיידלעך און יונגען אין לוסטיגען טאַנץ,
פון וויין און פון ליעבע באַטרונקען. —
די פּריסטער זיי גרייטען דעם קרבן שוין צו,
און ס׳שפּריצט דער מזבח מיט פונקען.

און אַלץ איז שוין פאַרטיג, און יעדער איז גרייט
דעם יום־טוב דעם גרויסען צו עהרען;
א רוף שאַלט אוים הילכיג: „העי, יונגען, מאַכט אויף
פון תפיסה דעם טויער דעם שווערען!

צום טעמפּעל געבראַכט זאָל ער ווערען דער פיינד!
און שטעלט איהם דאָרט צווישען די זיילען, —
זאָל שמשון דער גבור א שטיקל טהון פאַר אונז
און זאָל מיט זיין קראַפט אונז פאַרווייַלען...“

באַלד רופֿען טראָמפּייטען, זיי ענטפֿערט דער פּויק,
און אַלע צום דגון־הויז לויפֿען,
און מענער און פֿרויען זיי פֿילען באַלד אָן
דעם טעמפּעל'ס באַלקאָנען און הויפֿען.

ג.

עס רוישט אין גרויסען דגון־הויז. אַ מענשען־ים.
און פֿון דער גאָלד'נער ווייראַד־פֿאָן אַ רויך אַ בלויער
דין שלענגעלט זיך אַרויף, און יעדער פּנים שטראַהלט,
און יעדע אויג קוועלט אָן. נאָר שמשון איז אין טרויער.

ער הערט דעם שונא'ס פֿרייד, זיין ווילדען לאַך און שפּאָט,
אַ יעדער חוזק־וואָרט איהם שטעכט מיט שאַרפֿע שפּיזען;
„זעהט שמשון ז'שוואַך און בלינד,
„ביים האַנד איהם פֿיהרט אַ קינד...
„באַוויז נאָר איצט דיין קראַפֿט דו ריעז, פֿון אַלע ריעזען..."

און שמשון ציטערט אויף. איהם ברענט נקמה־דורשט.
ער רופֿט:
„גאָט, הער מיך אויס! פֿאַר דיר מיין קאָפּ כ'טהו בויגען.
„קעהר אום דיין קראַפֿט צו מיר נאָר דאָס איין איינציג מאָל,
„נקמה נעהמען כאָטש פֿאַר איינס פֿון מיינע אויגען..."

און שמשון נאַפּט די מיטען־זיילען פֿעסט אַרום,
און האַסטיג שטראָמט זיין בלוט דורך אַלע זיינע גלידער... —
דאָס פּלשתים פֿאָלק יובצט אויף, און ווערט אַזש ווילד פֿאַר
פֿרייד:
„דער גבור שמשון וויל אונז קונצען ווייזען ווידער" —

א יובעל שאַלט ארום, און ס׳מישען זיך צונויף
א שמערצליך חוזק־וואָרט מיט א פארשייט געלעכטער:
„קוקט אַן דעם בלינדען ריעז,
„ווי נישטיג איצט ער איז!
„אַ—ט באלד דאַס גאַנצע הויז צושטערט ער און צוברעכט ער...
נאַר שמשון הייבט זיין קאָפּ אויף שטאָלץ. ס׳שניידט דורך
די לופט
זיין לעצט געשריי: „תמות נפשי עם פּלישתים!"
„איך פאַל דאָ טויט מיט אייך צוזאַמען!"

ער בויגט די שווערע זיילען מיט זיין ריעזען קראַפט,
און באלד —
עס ציטערט און עס קנאַלט,
דער טעמפּעל קרעכצט און פאַלט...
און אַלץ פארוואַנדעלט ווערט אין חורבות און אין פלאַמען.

1917

דער ברודער-קריעג.

(פּאָעמאַ)

(פּלגש בגבעה, שופטים י״ט כ׳נ׳ כ״א.)

א.

אַט ליעגט זי, זיין קעבס־ווייב, אין שטיקער צושניטען;
צוועלף שטיקער, צוועלף עדות פון גרויזאַמען מאָרד,
דערצעהלט די צוועלף שבטים ישראל׳ס אָהן ווערטער
דעם גרויל־טהאָט פון גבעה, דאָס זינדיגע אָרט.

די פויסטען צוזאַמענגעדריקטע פון צאָרען,
פאַרבלוטיגט דאָס מעסער איז נאָך אין זיין האַנד.
נקמה! נקמה! אַ, ס׳וועט ניט ישראל
פאַרשווייגען דאָס אומרעכט, פאַרדעקען די שאַנד.

ווי האָט ער געאיילט זיך צום שטאָדט פון בנימין,
יבוס אויסגעמיטען. און גבעה פאַרטרויט.
אַ נאַכט נאָר צו רוהען, און זיי — אָך, די רוצחים...
זיי האָבען זיין קעבס־ווייב פאַרפּייניגט צום טויט!

ער האָט זי געפיהרט אַזש פון וויטען יהודה
צום באַרג פון אפרים, וואו ס׳שפּרייט זיך זיין צעלט.
זיין יונג־פרוי וועט קלייבען אין טאָל די געווירצען,
און שמעקען פון איהר וועט דער ריח פון פעלד.

זיין יונג־פרוי; — איהר קערפּער — לבנון'ס א צעדער,
און טיעף־שוואַרצע אויגען, צוויי קוואַלען פון פרייד;
די בריסטען — צוויי טויבען, וואָס וואַרקען מיט ליעבע
פון אונטער די פאַלדען פון שניי־ווייסען קלייד.

פאַרנאַכט, נאָך דער ארבייט, זיין מידקייט פאַרטרייבען
זי וועט מיט א קוש פון איהר רויזיגען מויל,
און אונטער דעם ווייַנשטאָק פול־זאַפטיגע טרויבען
א רוהע געפינען... ווי גוט און ווי וואויל! —

און איצטער... איהר קערפּער אין שטיקער צושניטען.
נאָך האַלט ער דאָס מעסער פאַרשטייפט אין זיין האַנד. —
איהר צוועלף שטומע עדות, דערצעהלט די צוועלף שבטים:
באַדעקט האָט בנימין ישראל'ן מיט שאַנד.

ב.

די מאָרגען לופט איז נאָך מיט פייכקייט אָנגעפיהלט,
און אַלע טויערען צועפענט ברייט.
נאָר ניט קיין פייער־טאָג איז היינט אין טעמפעל־שטאָדט, —
א שבט משפט'ן דאָס פאָלק איז גרייט.

אין האַלבען קרייז די זקנים זיינען אויסגעזעצט,
די גאַנצע עדה וואַרט ארום געשפאַנט — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

„בנימין גיט די שולדיגע דאָך ניט ארויס,
דערמיט ער האָט צופליקט דעם שלום־באַנד!...“
איין ציטער בלויז, — און ווי א שטורעמדיגער ים
צוכוואַליעט זיך דאָס פאָלק און שוימט מיט וואוט:

„באַשטראָפט מוז ווערען הארט בנימין'ס שווערע זינד,
ראָט אויס דאָס שלעכטס! דעם פלעק וואַשט אָפּ
מיט בלוט!..“

און צו מלחמה גרייט דאָס פאָלק שטעהט ווי איין מאַן;
שוין אָנגעגורט דעם שווערד, די שפּיז אין האנד.
און פּנים'ער צופלאַמט, די אויגען — שטאָהלען־גלאַנץ,
דער ברודער־קריג צופלאַקערט אין א בראַנד. —

ג.

צוויי טעג געדויערט האָט בנימין'ס פרייד,
נאָר אויפ'ן דריטען טאָג
ישראל האָט געזיגט. — בנימין'ס שניט איז טיעף
און גרויס זיין קלאָג.

זיין שעהנע גבעה ליגט אין אַש און שטויב,
קיין רעטונג מעהר ניטאָ.
און אַלט, און יונג, און ווייב, און קינד פון שווערד פאַרלענדט,—
זיין לעצטע שעה...

אין אַלע זיינע שטעדט ניט גאַנץ געלאָזט
קיין איינציג, איינציג הויז;
און פון מלחמה־פעלד אַנטרונען איז נאָר קוים
א רעשטיל בלויז.

ווי פייגלינגע אַנטלאָפען פון דעם פיינד,
אין היילען זיך פאַרשטעקט.
זיין לאַנד באַדעקט מיט רויטען זאַמד, זיין העלדען שטאַם
איז אָבגעמעקט...

ד.

צוריק אין טעמפעל־שטאָדט פאַרזאַמעלט זיך דאָס פאָלק.
געוואונען האָט ישראל אין דעם קריעג.
נאָר שופרות שאַלען נישט. די פּויקען ליגען שטום,
און קיינער פייערט ניט דעם גרויסען זיעג.

די זקנים קוקען טריב. ביים טעמפעל׳ס מאַרמאָר־טרעפּ
זיי זעצען ווי אבלים זיך אוועק.
פאַרטרויערט און פאַרצאַגט, געבויגען טיעף די קעפּ:
די זינד באַשטראָפט, — אויף זיך געמאַכט א פלעק...

באַשטראָפט... אַה, גאָט! ווי איז דאָס גאָר געשעהן
א שבט אָבצואָווישען פון דיין לאַנד?
ניט פרייהען זיך, נאָר צוגעדעקט מיט זעק און אַש
באַקלאָגען זאָל ישראל איצט זיין שאַנד.

און א געוויין ברעכט אויס... די משא פון דער שטראָף
פאַלט אויפ׳ן גאַנצען פאָלק, וואָס זוכט א ראָט.
ווי מיידט מען אויס בנימין׳ס אונטערגאַנג און סוף? —
קלעפּ צו צום צווייג אַן אָבגעריס׳נעם בלאַט — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
א ברודער־מאָרד ז׳געווען דער קריעג!
און אומווירדיג — דער זיעג.

1917

ד. יפתח.

(פּאָעמא)

(שופטים, י״א.)

א.

זיין צעלט שטעהט אין טוב און זיין הארץ איז אין גלעד,
פון וואנען פארשטויסען געווארען
איז יפתח, פון אייגענע ברידער פארטריבען, —
ווי גרויס און ווי שארף איז זיין צאָרן!

נאר שארפער און טיפער — זיין בייגקשאפט נאך גלעד
זיין היימלאנד, וואס האט איהם ערצויגען.
א זוהן פון א זונה איז יפתח דער גבור,
ניט ווירדיג אין גלעד־זיהנ'ס אויגען.

איין טרייסט האט נאר יפתח, איין־איינציגע טאכטער,
אין גלות איין פרייד איהם געווארען.
א שטאלצע ווי גלעד, דער בארג פון זיין גלוסטען,
און שעהן ווי די רויז אין דעם שרון.

ווען אנגסטען פון היים־וועה איהם נאגען און פּלאגען,
ווען צארן פאר'סם'ט איהם דאס לעבען, —
איין טרייסט האט דאן יפתח, זיין איינציגע טאכטער,
פון גאט א מתנה געגעבען. —

ב.

גוטער גאָט, מיין גאָט! צו איז דאָס ניט א חלום?
גלעד׳ס זקנים, אָט די גרויסע, שטאָלצע לייט
זיינען איצטער איהם געקומען בעטען שלום,
ער זאָל זייער פיהרער זיין אין שווערען שטרייט...

פאר זיין צעלט שטעהט יפתח מיט א קוק א שטרייענגען,
אין זיין ברייטער ברוסט צופלאַקערט זיך א בראַנד.
„איהר אליין האָט דאָך אין אייער האַס אין ענגען
פון מיין פאָטער׳ס הויז פארטריבען מיך מיט שאַנד, —

און אצינד, ווען אייך איז שלעכט, קומט איהר מיך בעטען
געהן מיט אייך...„
די זקנים ענטפערען איהם ראש:
„די בני־עמון טוען גלעד׳ס כבוד טרעטען,
ווילסטו זעהן דיין פאָטער׳ס לאַנד, זיין שטאָלץ, אין אַש?“

און מילדער ווערט דער בייזער קנייטש אויף יפתח׳ס שטערען
זיינע אויגען לויכטען אויף מיט פעסטען מוט.
יפתח וועט פאר גלעד ביז צום טויט זיך וועהרען,
פאר איהר כבוד — ביז צום לעצטען טראָפען בלוט!...

ג.

אויף יענער זייט פון מצפה־גלעד,
וואו ס׳פיהרט דער וועג צום לאַנד פון עמון,
מיט העלדען מוט און פעסטען גלויבען
רופט יפתח אויף זיין חיל צוזאַמען.

מיט שווערדען אָנגעגורט די לענדען
מאַרשירען זיי אין גוטען סדר;
שוין באַלד אָט איז דעם שונא'ס לאַגער, —
און יפתח טוט א גרויסען נדר:

„מיין גאָט! אויב דו וועסט מאַכען פאַלען
בני־עמון פאַר מיין שאַרפען דעגען,
איך וועל אַלס קרבן יענעם ברייגנען,
וואָס וועט אַרויס צו מיר אַנטקעגען,

ווען כ'קעהר זיך אום אהיים בשלום,
צו דיר, מיין גאָט, ער זאָל געהערען!
מיין נדר זאָל די ערד פאַרנעהמען,
מיין שבועה זאָל דער הימעל הערען!..‟

און שוין גאָט'ס קראַפט אין זיך פיהלט יפתח,
און ער באַהויכט זיין חיל מיט מוט,
און פעסט די טריט און זיכער ווערען,
אין טאַקט די ערד קלינגט צום מאַרשרוט.

שוין שאַלען שופרות און טרומייטען...
און אום־אַרום
א ווילדער ברום
צו טראָגט זיך אין די בערג און ווערט צושאָטען.
א ווירבעל־טאַנץ
מיט שווערדען־גלאַנץ

טוט ברייט און ווייט זיך שפּרייטען...
ביז יפתח'ס מאַכט
נעהמט איין די שלאַכט:
ישראל זיגט, און עמון ליגט צוטראַטען...

ד.

פרייהט זיך, זינגט, איהר גלעד'ס טעכטער,
פייערט יפתח'ס גרויסען זיג!
קרענץ מיט בלומען פאַר די העלדען
וועלכע קומען אַן פון קריג.

יפתח געהט פאַראויס, א שטאָלצער,
און נאָך איהם א מחנה גרויס; —
איהם אַנטקעגען פון זיין הויז־טיר
קומט זיין טאָכטער גלייך ארויס,

קומט די ערשטע מיט די טאַצען,
מיט געזאַנגען, טענץ און פרייד...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

יפתח רייסט אויף זיך די קליידער
און ער קרעכצט פון טיעפער לייד:

„אַך! מיין טאָכטער, איינציג־קינד מיינס!
ווי פאַרשאָלטען איז מיין גליק.
כ'האָב צו גאָט געטאָן א נדר,
קען ניט נעהמען איהם צוריק..."

שטיל בלייבט שטעהן די יונגע מיידעל,
אויף א ווייזלע ווערט זי בלייך;
באַלד זי ווערט דאָך ווידער מונטער,
און זי ענטפערט הארציג ווייך:

„פאָטער! האָסט דיין מויל געעפענט
און געשוואָרען צו דיין גאָט. —
זאָל דיין נדר הייליג בלייבען,
גרייט איך בין צו דיין געבאָט!

אין די בערג אויף צוויי חדשים, —
צוויי חדשים גיב נאָר מיר;
כ'וועל מיין מיידעלשאַפט באַקלאָגען,
און דערנאָך איך קום צו דיר..."

יפתח שפירט, זיין בלוט פאַרגליווערט,
און זיין מאַרך אין איהם פאַרפריהרט;
האָט צוריק זיין היים געוואונען,
און זיין איינציג קינד פאַרלירט...

טיעף זיין וועה אין זיך פאַרשטיקט ער,
זאָגט נאָר קורץ: „דו געה און קום."
צוויי חדשים דער מזבח
וועט איהם ווינקען וויסט און שטום.

ה.

„איהר שעהנע בערג פון גלעד,
פאַרנעהמט מיין געוויין.
מיין מיידעלשאַפט באַקלאָג איך,
באַוויין איך אַליין.

העלפט, חברת׳עס, מיר זונטער,
מיין קלאָג־ליעד איז ניי;
מיין סוף אליין באוויין איך,
און — וואַנדער אום פריי.

וואו ביזטו מיין באשערטער,
מיין מיידעלשער טרוים?
צו ועסטו מיך באגעג׳נען
ביים ראַנד פונ׳ם תהום?

פון צווישען קאַלטע פעלזען
שוין שווארצט זיך מיין רוה...
נעהמט צו, איהר בערג, די טרערען
די לעצטע נעהמט צו.

מיין אויג זאָל בלייבען טרוקען,
מזבח, זיי גרייט!
דיין טאָכטער בין איך, יפתח,
מיך שרעקט ניט דער טויט..."

ו.

זיין שרעקליכען נדר האָט יפתח דער גבור
מקיים געוועזען ענטשלאָסען און דרייסט.
נאָר יפתח דער פאָטער איז טרויעריג, צובראָכען;
פארשוואונדען זיין לעצטע, זיין איינציגע טרייסט.

באפרייט איז ישראל, און גאָט האָט זיין קרבן,
דער נאָמען פון יפתח אין גלעד איז גרויס.
א הארץ פון א טאטען נאָר צאפּעלט אין וועהען,
און ווייקט זיך אין בלוטיגע טרערען שטיל אויס.

אין פינסטערע נעכט נאַר, ווען וואָלקענס פאַרוויקלען
די בערג און די טהאָלען, און אַלץ וואָס ארום, —
דאַן גנב'עט זיך יפתח דורך זייטיגע שטעגען
אהין צו א בערגעל, וואו איינזאַם און שטום

שטעהט גרוי א מצבה אין נעבעל פאַרבאַרגען;
דאָרט גיסט ער זיין הארץ אוים און קלאָגט נאָך זיין קינד.
דאָרט העלפען איהם קלאָגען די ווילדע שאַקאַלען,
מיט גרויליכע שלוכצען העלפט צו איהם דער ווינד.

קיין טוי און קיין רעגען אויף יענעם אָרט פאַלען,
א ביטערע קללה ליגט דאָרט אויסגעשפּרייט;
דאָרט פאַטער און טאָכטער באַגעג'נען זיך שטומע
אין פינסטערע נעכט נאַר פון שטורעמס פאַרוועהט...

1919

אביגיל.

(פּאָעמאָ)

(שמואל א׳ כ״ה.)

א.

רייך און גרויס, און ווייט באוואוסט איז נבל.
זיינע סטאַדעס אויסגעשפּרייט אויף מיילען ליגען,
אַזש פון מעון ביז צום שעהנעם כרמל:
דריי מאָל טויזענד שעפּסען און איין טויזענד ציגען.

נבל איז אַ שלעכטער מענש, אַ האַרטער;
זיינע קנעכט און דינסטען פאַר זיין קוק זיך שרעקען.
פאַסטוכער געניטע היטען שטענדיג
זיינע פעטע סטאַדעס, וואָס פאַרנעהמען שטרעקען.

גרויסט זיך נבל מיט זיין גרויס פאַרמעגען;
דריי מאָל טויזענד שעפּסען און איין טויזענד ציגען,
און אַ ווייב, די שעהנע אביגיל,
שווער איז צווישען טויזענד איינס אַזאַ צו קריגען.

האַרט איז נבל, האָט אַ האַרץ פון אייזען,
שטאָהל די אויגען מיט אַ שאַרפען גלאַנץ, אַ קאַלטען, —
ווען ער נעהענט דאָך צו אביגיל
לויפט אַ מורא־ציטער דורך איין איהם באַהאַלטען.

ב.

קלוג און שעהן איז אביגיל.
ווייך איהר בליק, דאָך אונערשראָקען.
ווי די אינדען פונ'ם ירדן
כוואליען איהרע שווארצע לאָקען.

שלעכט איז נבל, ווי זיין נאָמען.
שווער זיין „ליעבע" צו פארטראָגען.
גנהט דאָס הארץ איהר אוים פאר בייגקשאפט,
און ניטאָ צו וועמען קלאָגען...

אין פארנאכטען בלויע, שטילע,
ווען די פאסטוכער און יונגען
זאמלען זיך ארום א שייער, —
קומט זי הערען ווי באזונגען

ווערט דער חרמון, דער לבנון
און דער כרמל קענענאיבער;
קומט זי הערען וואונדער־מעשיות
פון דעם שעהנעם, בראווען גבור.

פון דעם בראווען פאלקס־העלד, דוד,
וועמען שאול זוכט צו טויטען.
וואנדערט אום דער שעהנער גבור,
נאָר איהם ברעכען ניט די נויטען.

כאָטש דער צופאַל האָט דעם מלך
שאול איהם אין האַנד געגעבען,
דוד האָט דאָך, גרויס און מוטיג,
ניט גערויבט זיין שונא'ס לעבען.

ווערט די נאַכט אַלץ דיקער, שוואַרצער,
און דער הימעל — טיעפער, בלויער, —
אביגיל הערט און הערט נאָך
מיט אַן אָנגעשטרענגטען אויער

מעשיות פון דעם גרויסען פאַלק'ס־העלד.
לויכטען, פינקלען איהרע אויגען;
„שעהנער, גוטער, שטאַרקער דוד,
כ'טו צו דיינע פיס זיך בויגען...“

ג.

אויף דעם כרמל שערער שערען
כרמל'ס שעפסען, ציגען;
שערער זינגען, שערען קלינגען,
קופעס וואָל שוין ליגען.

אויף געשטעלען קאָכען, זידען
טעפּ, און פאַנען שפּריצען,
און די שאַרפע שערען גלאַנצען
אָפּ מיט ווייסע בליצען.

נאָר איין נבל איז אין צאָרן,
ביז צוקנייטשט זיין שטערען:
„ווי האָט גאָר געוואַגט בן־ישי
איהם זיין יום־טוב שטערען.

און א בעטלער באַנדע שיקען
פלייש און וויין אויסנאַרען. —
שוין צו פיעל די קנעכט איצט טרעטען
קעגען זיי'רע הארען...“

ליידיג קומען דוד'ס יונגען,
נאָר אומזיסט געבעטען. — — — —
נבל! ניט פארשווייגען ועט דיר דוד,
וועט דיין האָב צוטרעטען...

ד.

ווי דערהערט האָט אביגיל,
וואָס געשעהן איז אויפ'ן כרמל, —
ניט פאַרזאַמט האָט זי א רגע
און באַפוילען איהרע דיענער:

„לאָדט די אייזלען אָן געשווינדער!
ברויט און פלייש, און וויין און טייטלען
נעהמט און געהט; און איך נאָך אייך קום.
נבל דאַרף דערפון ניט וויסען.“

ווי זי רייט ביים באַרג צופוסענס,
הערט זי פון דעם וועג אַנטקעגען
פעסטע טריט, א קלונג פון שווערדען.

„אוי, דאָס קומט דער גבור דוד
מיט זיין חיל נקמה נעהמען
פון דעם בייזען, שלעכטען נבל...“
און פון באַרג'ס זייט, ווי א צויבער,
פאַר די אויגען וואַקסט אויס דוד. — — — — — —

ה.

אַט איז ער דער גבור, וואָס האָט מיט א שטיינדעל
דעם גליות־הפלישתי באַצוואונגען;
אַט איז ער דער פאָלק'ס־העלד, צו וועמען זיי האָבען,
די טעכטער ישראל'ס, געזונגען;
אַט דאָס איז דער פאַסטוך, וואָס האָט מיט זיין שפּילען
פאַרטריבען די שלעכטע געמיטער...
און מורא, און ליעבע איהר נעהמען ארום'עט
און ס'טוט אביגיל א ציטער. —

זי נידערט פון אייזעל און בוקט זיך פאַר דוד
און גיט איהם פון פרידען דעם צייכען:
„צו נישטיג איז נבל פון דיר זיין געשלאָגען,
ער וועט נאָר דיין נאָמען פאַרבלייכען.
און דיינע שליחים האָב איך ניט געזעהן,
די שולד בלייבט אין גאַנצען נאָר מיינע...
מיין קליינע מתנה צו דיינע פיס לייג איך,
זאָל זיין פאַר די יונגען, פאַר דיינע — — — —“

און דוד פאַרוואונדערט הערט גאָר איהרע רייד אויס,
וואָס היילען ווי באַלזאַם די ליידען.

צוויי אויגען, צוויי זונען אין פּנים איהם קוקען
באַשיצט פון די ברעמען, ווי שיידען.

איהם האָט אביגיל, די קלוגע, די שעהנע,
מיט ווערטער, מיט ווייכע געבונדען.
א פרייד און אַן אומעט אין הארצען איהם דרינגען,
און גלייך ווערט זיין צאָרן פאַרשוואונדען.

„געבענשט איז גאָט'ס נאָמען, און דו אויך געבענשט זיי:
דו האָסט מיך פון בלוטען פאַרמיטען.
און וואָלסט ניט געקומען, וואָלט נבל'ס געזינדעל
געוועזן שוין פון לעבען פאַרשניטען.

נאָר גאָט האָט געשיקט דיך. געבענשט דיין פאַרשטאַנד איז.
ס'וועט דוד דיין ווילען טאָן גערען...“

און ס'בעט אביגיל: „דיין דינסט זאָלסט דערמאָנען,
ווען מלך־ישראל וועסט ווערען...“

ו.

ווי נאָר נבל האָט דערוואוסט זיך,
וואָס געשעהן איז אָהן זיין וויסען,
איז זיין הארץ א שטיין געוואָרען
און פון לעבען אָפּגעריסען.

אביגיל'ס קייטען פאַלען,
נעהמען היילען זיך די וואונדען;
נייע האָפנונגען, ווי שטערען
אין איהר הימעל אָנגעצונדען.

אין פאַרנאַכטען שטילע, בלויע
וואַרט זי ביי דעם באַרג דעם שטומען;
טאָמער וועט געשעהן דער צויבער:
דוד וועט אַנטקעגען קומען...

ניין. ניט דוד, — זיינע יונגען
קומען אַן פון ווייטע וועגען:
„וואָלסטו וועלען איהם א ווייב זיין?
ער האָט אונז געשיקט דיך פרעגען." —

„אוי, דו דוד, ליבער, שעהנער,
כ'וואָלט א דינסט צו דיר געגאַנגען;
איידער נאָך איך האָב געזעהן דיך,
האָסטו שוין מיין האַרץ געפאַנגען..."

* * *

פאַרברענט און זאַמדיג ליגט דער שווערער וועג,
דער הייסער מדבר־ווינד מיט פייער בריהט; —
און אביגיל מוטיג רייט פאַראויס,
נאָך איהר די דינסטען איילען זייערע טריט.

זי וואַרפט א לעצטען בליק צום כרמל־באַרג:
זיין שפּיץ פון וויטענס זעהט זיך ווי אין רויך. —
„דו באַרג, דו שטומער עדות פון מיין פּיין,
צו זעהסטו פון דיין בלויען הויכען הויך

מיין ליבסטען שטעהן, מיט האַנד פון זון פאַרשטעלט ?
און וואַרטענדיג, פון צווייפעל אויפגערעגט,
— צו וועט זי ניט מיט שפּאָט פאַרשטויסען איהם —
זיין דרינגענדיגער קוק דעם מדבר פרעגט ?...

דאַן זאָג איהם: אביגיל נעהענט, קומט
מיט זעלבער פרייד צו איהם אין גלות־צעלט,
ווי זי וואָלט זיין געפיהרט צום קעניג'ס הויז,
צום טראָהן, אויף מאַרמאָר־טרעפּ געשטעלט..."

1919

דער נביא.

„שמעו איים אלי,
והקשיבו לאמים מרחוק...“
(ישעיה, מ"ט.)

א.

ניט לאָרבער־קרענץ, — א רינג פון שטראַהלען
און ווייסען ליכט ארום זיין קאָפּ.
דער נביא נידערט בארג אראָפּ,
און זיינע שטראָף־רייד — בליצען פאַלען.

ניט פורפור, זייד, — נאָר אָבגעטראָגען
די ליינען־קלייד ארום זיין גוף.
פון בארג שאַלט אָפּ דעם נביא׳ס רוף,
און זיינע שטראָף־רייד — דונערס שלאָגען.

און טרייסלען אויף די פעסטע שטיבער,
די שווערע מויערען פון שטאָדט.
דער נביא רופט: „אזוי זאָגט גאָט!“
און מעכטיג שטייגט זיין קול אריבער

דעם טהאָל׳ס גערויש. פון ווינד געשווינדער,
אויף שטורעם־פליגלען אויסגעשפּרייט
צוטראָגען זיך דעם נביא׳ס רייד:
„אזוי זאָגט גאָט: הערט מענשען־קינדער!

ב.

אייזערנע הערצער! קופּערנע שטערען!
אייערע הענד אין בלוט־פלעקען זיינען
איינגעריכט שטענדיג. בלוטיגע טרערען
טרינקט איהר געמישט אין אייערע וויינען.

טרעט איהר גאָט׳ס הויפען, ברייננגט איהר מתנות,
ווייראַך און בוימעל, אוילבערט דעם בעסטען. —
ס׳זיינען דערווידער איהם די קרבנות:
אייערע הייזער — רויבערשע נעסטען!

שליסט צו גאָט׳ס מקדש; דינט צו די געצען!
אַבגעטער טויבע קענען ניט הערען
ס׳צאַפּלען פון פאַנג אין אייערע נעצען.
אַבגעטער טויטע וועלען ניט שטערען

אייערע מעשים: מאָרדען און רויבען.
זיי קענט איהר נארען, פאַלש צו זיי שווערען. —
ווילט איהר אויך גאָט, זיין הייליגען גלויבען
מאַכען צו שפּאָטען? — קופּערנע שטערען!

ג.

פון טהאַל שטייגט אויף א ריעז געפּאַנצערט,
מיט פייל־און־בויגען אין דער האַנד.
„ווער איז ער דאָס, דער אָרדנונג שטערער,
וואָס רויבט די רוה פון אונזער לאַנד?..

זיין ווייסען קאָפּ אַראָפּ געבויגען
בלייבט שטעהן דער נביא צוגעשמידט.
„אָ! ווער וועט עפ'נען זיי די אויגען?
דער אַבגרונד ליעגט דאָך פאַר די טריט. —

די אויערען פאַרשטאָפּט, די הערצער
פאַרדעקט מיט פעטס פון פלייש און וויין.
די שטיינער שרייען אויף דעם אומרעכט.
און זיי... זיי הערען דאָס ניט איין.

א צאָרן־ברוך, אַ אויסגוס פון צושטערונג
פאַרפלייצען מוז דעם גאַנצען טהאָל..."

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„אזוי זאָגט גאָט!" שרייט אויס דער נביא,
און ווייט, און טיעף דרינגט דורך זיין קול:

ד.

„פון משפט קומט דער גרויסער טאָג.
און ווינד וועט זיין, און וועה און קלאָג
צו די וואָס האָבען מיין געבאָט
פאַרשוועכט, געמאַכט צו שפּאָט.

צוברעכען וועל איך, ווי א קרוג,
די מאַכט, וואָל וואָלטעט דורך באַטרוג.
און מעהר וועט ניט קיין יאָך, קיין שווערד
באַצווינגען אייער ערד.

די ערד מיט גאָר איהר גוטס און האָב
האָב איך געשענקט צו אייך אלס גאָב, —
און ברידער׳ס בלוטען פון איהר שויס
איצט שרייען הויך ארויס.

אין יענעם טאָג פון צאָרן־פלאַם
ארויסגעהן וועט פון ברעג דער ים,
און פון זיין קייט דער שטורעם־ווינד —
פארטיליגען די זינד.

און דאן... מיין לוין פון ברייטער האנד
וועט נידערען צו אייך אין לאַנד;
פאר אייך — ניט פאר די בשן־קיה —
די פרוכט פון אייער מיה...

ה.

פארשוואונדען זיינען דורות, דורות
אין דעם אונענדליך טיפען תהום,
און פילע געטער, פילע תורות
פארשוויינקט און ברייננגט דער לעבען׳ס־שטראָם.

דער שווערער צייט־ראָד האָט צוריבען
אין שטויב שוין פיעל, פארוויסט און שוואַרץ.
דעם נביא׳ס וואָרט איז גאַנץ געבליבען,
נאָר היינגט אויף ליפען, — ווייט פון האַרץ.

אין רייכע טעמפלען פון בעלעמער
דעם נביא'סווארט קלינגט ליעב און גוט.
פון דרויסען ברעכט אריין א יאמער,
און קנאל פון בייטש, און סווישטש פון רוט.

איהר שווארצען מויל די גרוב האלט אפען
און שלינגט, און שלינגט און ווערט ניט זאט — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
די טויב איז פון א פייל געטראפען,
און רויט — די גרינע אויבערט־בלאט.

ז.

און יאהרען פליהען, דורות שוועבען
און פאלען אין דעם תהום אריין.
כאטש דיק נאך זיינען נאכט'ס געוועבען,
דאך רייסט זיך דורך אמאל א שיין.

כאטש דיק די וואנד, די טיר — אויף ריגלען,
אליין דער נביא לאנג שוין טויט, —
דאך קען קיין קראפט זיין ווארט פארזיגלען,
וואס שטראמט ארויס ווי מארגענרויט.

און מוטיג לאזט זיין קול זיך הערען,
ברעכט דורך דעם פעלזען־פעסטען צאם:
„מיט וויסען פול די ערד וועט ווערען,
ווי פול מיט וואסער איז דער ים.

און דאָן — די טויבע וועלען הערען,
און בלינדע וועלען זעהן דאָס ליכט
פון יענעם העלען מאָרגענשטערען,
וואָס קומט אין טאָג פון גאָט'ס געריכט.

דאָן, ניט מיט בלוט, —באַדעקט מיט בלומען
וועט זיין די ערד אָהן מאָס, אָהן צאָהל...
אזוי זאָגט גאָט: א טאָג וועט קומען
און גלייך מיט באַרג וועט זיין דער טהאָל!..."

1908—1912

קריעת ים-סוף.

ויאמר ה׳ אל משה: מה תצעק אלי?
דבר אל בני ישראל ויסעו.
ואתה הרם את מטך על הים ובקעהו...
(שמות, בשלח).

און גאט האט צו משה׳ן אזוי געטאן זאגען:
„געגוג דיר דאס שרייען, און הער אויף צו קלאגען,
„די ווערטער זיי זענען נאר קלאנגען אומזיסטע,
„ווען קראפט איז איצט נויטיג, גאנץ פשוט׳ן כח,
„דעם גוף צו באוועגען, און ניט נאר דעם מח.
א ים דורכצוברארזשען, און נאכדעם א וויסטע, —
„דאס פאלק זאל נאר ריהרען, די מאסען די ברייטע,
„און אלל׳ זיינע שונאים, זיי פאלען גלייך טויטע,
דער ים וועט ערשטוינען, פארגליווערט פון שרעקען...
„דער מענש זאל ערוואכען און אלע די שקלאפען,
„און וואונדער, פיעל וואונדער דו וועסט מיט זיי שאפען,
„דעם ים וועסטו שפאלטען, הויב אויף נאר דיין שטעקען“...

פארהילכט האט די געטליכע שטימע, די העלע,
א הייליגער ציטער דרענגט דורך יעדע זעלע,
דער קאפ שטאלץ געהויבען, און גלייך ווערט דער רוקען;—
זעהט: העלדען מארשירען מיט פינקלענדע אויגען,
פארשוואונדען די מורא, דער שרעק פאר דעם בויגען,
געשעהן איז דער וואונדער—דער ים ווערט גלייך טרוקען.
1910

צוואָרפענע זאַנגען

ווידער וואַכען אויף.

ווידער וואַכען אויף פערלאַנגען
אין דעם האַרצען, אין דעם טריעבען;
ווידער הער איך יענע קלאַנגען,
די וואָס וועקען לוסט צו ליעבען.

נייע האָפנונגען פון וויטען
ווינקען צו מיט טויזענד חן'ען:
קומען וועלען אנד'רע צייטען
און זיי וועלען אונז באַלוינען;

פאַר די אנגסטען, פאַר די פּיינען
פון די לאַנגע, שווערע יאָהרען, —
ווידער וועט די זון אונז שיינען
אויף אַ הימעל, אויף אַ קלאָהרען.

ריחות נייע וועלען קומען
און דערקוויקען אַלע גליעדער;
ווידער וועלען בליהען בלומען,
פרייד געזאַנג וועט שאַלען ווידער...

1913

מיהלען.

(פרץ הירשביין'ען.)

פרעהליך פּאַטשט דאָס וואַסער מיהלכעל,
דאָך און ווענד, זיי טאַנצען אונטער;
און אַנטקעגען אויף א בערגעל
קלאַפּט א ווינד־מיהל דרייסט און מונטער.

אונטען פּלאַפּלען ראָד און וואַסער,
אויבען — ווינד און פליגלען ריידען, —
אויף דעם ווייכען גראָז א איננגעל
הערט זיך צו צום רויש פון ביידען.

צו די מיהלען גוים טראָגען
מעסטלעך ווייץ און זעקלעך קאָרען. —
ווייסע, ביידע מילנערס שמייכלען,
און אַזוי שוין כמה יאָהרען.

פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער
ציהט זיך שטיל דאָס דאָרפיש לעבען; —
שטילע, שעהנע, שבת טרוימען
טהוט דער איננגעל פאַר זיך וועבען.

מיט אמאָל אראָב געקומען
איז פון ערגעץ עפּעס איינער,

אנגעוואָרפען קופעס גרויסע,
ציעגעל, קאַלך, געהילץ און שטיינער ;

אויסגעבויט א גרויסע דאַמפף־מיהל... —
שוואַרץ א דיקער רויך טוט קנוילען,
ראַד און פליגלען דרימלען רוהיג,
ראַד און ווענד פון רעגען פוילען...

רוישט דער טייכעל שטיל, אין אומעט,
צווישען ווילד־פאַרלאָזטע גראָזען,
בלאַנדזשענדיג האָט זיך דער איינגעל
אין דער וועלט אוועק געלאָזען.

איבער ווייטע, פרעמדע לענדער
האַרציג, ליב זיין ליד טוט קלינגען,
פעלדער שמעקען, סעדער דופטען,
מיהלען רוישען אין זיין זינגען. —

1917

אין חודש מאַי.

זעה, ווי שעהן די גראָזען גרינען!
אַלץ לעבט אויף אויף־ס׳ניי —
און דאס לעבען קריגט א זינען
אין דעם חודש מאַי.

אין דעם חודש מאַי, דעם ליעבען,
קום מיין פריינד צו מיר!
כ׳האב מיין אומעט ווייט פארטריבען,
כ׳שטעה און ווארט פאר דיר.

כ׳וועל אין מאַי פאראוים דיך פיהרען
און ניט ווערען מיעד;
אויף די פעלזען אויספּרובירען
אונזער פעסטען טריט.

מעגען שטיינער, ווילדע דערנער
זיין פארשפּרייט אין וועג,
דאָך מיר וועלען ליעבעם קערנער
זייהען אהן א ברעג.

1910

בליהען רויזען.

...בליהען רויזען, בליהען בלומען...
מיין געליעבטע איז געקומען
אין א קרוין פון זונען־שטראהלען,
אין א קלייד פון וואסער־פאלען,
הענד אלבאסטער, ליפען — רויטע,
און א שטים — א זיסע פלייטע...
האט מיין גייסט, מיין זעל געפאנגען,
אויסגעקושט פון דארט געזאנגען,
און באפוצט מיט מאי־פארלאנגען,
אויף מיין הארץ זיי אויפגעהאנגען...

1910

דער קוואַל.

זעהסט דאָרט דעם קוואַל ? זיין זילבער שטראָם
פּליסט אויף דעם זאַמד דעם קיהלען ;
דער זאַמד, ער טרינקט און טרינקט א תהום,
און קען זיין דורשט ניט שטילען.

איך בין דער זאַמד, דער קוואַל זייַ דוא,
און פּליסען לאַז איהם גערען...
פון ליעבע קוואַל, איך זאָג דיר צו,
כ'וועל טרינקען מיעד ניט ווערען.

1915

די שטאָדט פון ווייטען.

שעהן די שטאָדט איז פון דער ווייטען.
גרין די ברעגען פון די זייטען,
און אנטקעגען טויזענד אויגען;
גלאַנצען, ווינקען שטומע בליקען.
מיר פארמאָגען טויזענד גליקען — —
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען!

שעהן די שטאָדט איז פון דער ווייטען.
ס'ברענט א לוסט אין אויג פארשייטען.
טויזענד לוסטען, טויזענד אויגען
פון דער ווייטען, ריידען, זאָגען,
אלע פריידען מיר פארמאָגען — —
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען!

שעהן די שטאָדט איז פון דער ווייטען.
טויזענד שטאָלצע ריטער רייטען,
און זיי פליהען פייל פון בויגען.
איינס און צוויי — אהין געקומען,
גליקען. פריידען — אויס, צושוואומען,
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען!

1918

געדאַרפֿט האָט זיין...

געדאַרפֿט האָט זיין א זומער נאַכט,
אוּן ס'בלאָזט מיט רויהע ווינטען;
די גריבער — טינטערס אָנגעפילט
מיט שווארץ־געדיכטע טינטען.

געוואַרט האָב איך אויף שעהן געזאַנג,
אוּן ס'קראַקען נאָר די ראָבען;
דער הימעל דריקט, די ערד פארשטיקט,
איז טרויער איינגעגראָבען.

דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט,
נאָר פון די בוימער קאַפען
נאָך שווערע טראָפּענס. יעדער טראָפּ
פאַלט מיט א פּלאַטשיג קלאַפּען.

אין זאמד, אין גראָז, דער זעלבער תהום
איז פאר דעם קאָפּ, דעם קליינעם,
וואָס שפּיגעלט אָב אין זיך אמאָל
א דימענט — גלאַנץ, א ריינעם.

געדאַרפֿט האָט זיין אַ זומער־נאַכט,
אוּן ס'וועהט מיט ווינטער־קאַלטען;
ער פּייפט אוּן רופט, אוּן שניידט די לופט,
דער ווינט מיט זיינע גוואַלטען. —

1919

ל י כ ט...

חלב־ליכט פון שאָף און רינדער,
אוים איז אייער צייט.
ליכט פאַרשפּרייט האָט איהר וואָס מינדער,
נאָר א ריח — ווייט.

יאָ, איהר האָט געברענט אפילו
און געשמאָלצען אויך,
שוואַך געצאַנקט אין נעכט אין שטילע
פול מיט טשאַד און רויך.

איצטער בלאַנקען נייע ליכטער,
לייכטען ווייט און העל; —
נאָר דער חושך, דער געדיכטער,
ריהרט זיך ניט פון שטעל.

1913

פון לאַנד צו לאַנד.

אין אַ לאַנד פון צער און נויטען,
וואו דער קלאַנג פון שווערע קייטען
גרייכט פון צפון ביז צו דרום;
וואו דער דאָרן וואקסט געראָטען,
און די בלום ווערט יונג צוטראָטען, —
דאָרט מיין יוגענד, בלאַס און אָרעם.

שטיל און טרויער'ריג, איז פאַרפלויגען,
פון מיין מאַמעס טריעבע אויגען
האָבען בלויז געגאָסען טרעהרען.
אויסער „זמירות" — קיין געזאַנגען.
טיעף פאַרבאָרגען די פאַרלאַנגען
קיינער זאָל פון זיי ניט הערען.

אָבגעקרעכצט די טעג ביים רבי'ן,
דורך די נעכט געטרוימט פון לעבען
און פון וועלטען, לענדער פרייע;
ביז אַמאָל, מיט וועה און וואונדען,
כ'האָב צופליקט די אַלטע בונדען,
און געזוכט אַ וועג אַ נייע.

ס'האָט דער וועג מיך ניט פאַרמאַטערט,
האָפנונג'ס שיין האָט מיר געפלאַטערט
און ערפרישט די מיעדע גלידער;

ביזביים שוועל פון מיין פאַרלאַנגען
האָט אַ געטין מיך עמפּפאַנגען
און פאַרוויגט מיט שעהנע ליעדער.

שטאַרק געוועזען איז מיין גלויבען.
ווער וועט וואגען מיך בארויבען,
וואָס איך וועל דורך קאַמף געווינען ? —
און די געטין זינגט זיך ווידער:
„גלייכהייט, פרייהייט, אַלע ברידער...
וועסט אַ פּלאַץ דיר דאָ געפינען...״

שעהנע, זיסע, ליעבע ווערטער!
כ'זוך און זוך און ביים די ערטער,
און דערווייל פאַרשווינדט מיין לעבען. — — —
— — — — — — — — — — — —

געטין! האסט מיין גאַט פאַרשלונגען,
גלייכהייט, פרייהייט, מיר געזונגען,
צוגעזאָגט נאָר — ניט געגעבען. — — —

1913

ריעז מאַנהעטען.

(ניט קיין לעגענדע)

צווישען האדסאַן און'ם מזרח־טייך,
מיט'ן קאָפּ צופוס ביים ים,
ריעז מאַנהעטען ליגט פארצאַמט
אין א קאַלטען, נאַסען צאַם.

ריעז מאַנהעטען איז א קנעכט,
ארבייט שווער און נאַכאַנאַנד,
קליינע מילבען האָבען איהם
אין א הארטען יאָך געשפּאַנט.

שטאַנגען שטאָהל, ווי שפּאַרען שאַרף,
שניידען זיך אין זייט איהם איין,
פון זיין אָטהעם זעצט א רויך, —
איהם אליין פארשטעלט די שיין.

אויף זיין קאַרק ער טראָגט אָהן שיעור
הויכע טורעמס אָנגעשטאָפּט,
קאָפּ און רוקען, הענד און פיס
איינגעמויערט, איינגעפּראָפּט.

קעסעל־גריבער אין זיין בויך,
טויזענד מיילער ריזיג־גרוים;
שלינגען גאנצע מחנות איין,
קייען, שפייען זיי ארוים.

ריעז מאנהעטען איז א קנעכט;
פתום־רעמסס בויט און בויט. —
איהם צוקאפענס פרייהייט שטעהט
מיט א ברענענדיגען קנויט.

רייצט דאס נאר דעם גרויסען ריעז,
רויבט זיין רוה און רויבט זיין שלאף — —
— — — — — — — — — — — — —
דוכט זיך, אט ער שפרינגט אין ים,
האק־און־פאק — צו אלץ א סוף...

1919

מאָרגענס-שטילקייט.

ס'איז שטיל אזוי,
מען קען די שטילקייט הערען.
פון שווארץ ווערט גרוי,
נעהמט ווייסער, ווייסער ווערען.

ס'איז שטיל אזוי,
ווי פאר א בייז געוויטער;
א טראָפּען טהוי
האָט מורא טאָן א ציטער.

ס'איז שטיל אזוי,
דעם אָטהעם איינגעהאלטען.
ס'ווערט ראָז דאָס בלוי,
אין מזרח נעהמט זיך שפּאַלטען.

ס'איז שטיל אזוי,
די נאַכט ווערט בלייך, פארלוירען;
אין שטילען אוי
א טאָג ווערט איצט געבוירען. —

1917

ביים וועג.

ווי רחבות׳דיג ארום
צושפּרייטען זיך די פעלדער;
און היימלאך קלינגט דער זשום,
דער צווימשער אין די וועלדער.

דער שטויב אין שטראַהלען־זייל,
פון צווישען בוימער־שאָטען, —
אַט טאַנצט ער אויף א ווייל,
אַט ליגט ער שוין צוטראָטען.

און עמיץ אויפ׳ן גראָז,
זיך טשוכענדיג פון דרימעל,
פאַררייסט זיין בארד און נאָז
און קוקט ארויף צום הימעל.

א טויער סקריפּעט אויף,
באַווייזט זיך פערד־און־וואָגען.
א הונד שפּרינגט פונ׳ם הויף
און — היידאַ! — לאָזט זיך יאָגען.

פאַרשווינדט אין פייכטען גראָז,
זיין בילען ווערט פאַרזונקען.
דער טהוי, ווי שפּיגעל־גלאָז
גלאַנצט אָפּ מיט טויזענד פונקען. —
1918

באַגינען.

(פראַגמענט)

באַגינען, נאָך אײדער פריה־מאָרגען ז'געקומען,
דער מזרח האָט נאָך זיך אין ראָז ניט באַקלײדט;
נאָך דופטען אין לופטען פון נאַכט די פאַרפיומען,
ער האָט פון זײן ליעבסטע מיט האַסט זיך געשײדט.

געפיהלט אויף זײן נאַקען די דורשטיגע בליקען
וואָס האָבען באַגלײט איהם אין שטילען געבעט;
ווי שווער איז געוועזען אין הארצען פאַרשטיקען
דאָס בענקען, נאָך אײדער וועט ווערען צו שפּעט.

א שטילער געמורמעל ביים ברעג פון די אינדען,
וואָס האָבען זײן שיפעל געהוידעט קוים, קוים;
דאָס הארץ מיט'ן מח אין אײנעם זיך בינדען,
און פלעכטען, באַהעפטען די וואָהר מיט'ן טרוים.

צושפּרײט איז דאָס וואַסער, טיעף בלוי ווי דער הימעל,
מיט שטערען מיט בלאַסע, דער גרונט אויסגעבעט.
שוין וועלדער און פעלדער זיך וועקען פון דרימעל,
פון ערגעץ א ווינטעלע קומט אז און ער גלעט.

און באַלד האָבען טרעלען איז לופט זיך צושאַטען,
ווי זילבערנע שרויטלאַך אויף טאַצען פון גאָלד,
און באַלד האָט אין איהם זיך אַ פרייד אויסגעקנאַטען,
און זינגען, סתם זינגען, איהם האָט זיך געוואָלט.

צו זינגען מיט בוימער און פויגלען צוזאַמען,
וואָס זינגען אַהן ווערטער, און דאַך אַזוי קלאָר;
צו זינגען מיט ימים, מיט ווינטען און פלאַמען,
צו זיין כאָטש אַ טיילכעל אין גאָט'ס גרויסען כאָר. —

1919

* *
*

פארלאָז איך דעם שטאָדטיגען רויש און געטומעל,
דעם פאָרטשריט פון פיין און פון נויטען;
און איבער די פעלדער, די גרינע איך וואַנדער,
און באָד זיך אין לופט־ים דעם ברייטען;

אה! דאַן ערשט באַגרייף איך דעם אמת'ן צויבער,
דאָס שעהנסטע, דאָס העכסטע פון לעבען;
ערשט דאַמאָלסט צופלאַקערט מיין חשק דער שטאַרקסטער
צו אַלץ וואָס נאַטור האָט געגעבען...

מיט ליעבשאַפט דאַן קוק איך אויף אַלץ וואָס ארום מיר,
און האַרציג באַגרים איך דעם מאָרגען,
און רייכער, און מילדער מיר מאַהלט זיך דאָס לעבען,
א לעבען אָהן ליידען, אָהן זאָרגען,

אָהן קנאה, אָהן שנאה... ווי ברידער געטרייע
זיי שאַפען, געניסען, די מענשען,
און ברייטער, און ברייטער די ארעמס איך עפען,
כ'וויל אַלעם אומאַרמען און בענשען — — — — — — — — — —

1909

שטאָדט און דאָרף.

1.

א סוף זאָל זיין. איך געה אוועק אין דאָרף.
אַראָב דעם ראָק און אויף א באַנק א וואָרף,
און פיהל זיך גוט. וואָס פעהלט מיר נאָך?
אוועק פון שטאָדט, אַראָב א יאָך.

די אַרעמס נאַקעטע, דער האַלדז ענטבלויזט.
אַרום מיין הויז איז אַלץ באַבלומט, באַרויזט,
און שטיל אַזוי, א דינער דזיז
אין אויער זשומט. און בלוי און גרין
באַרוהיגען די שטאָדטיש־מיעדע אויג.
דער דאָרף גריסט הויך, ניט יוצא מיט א נויג.

אַראָב די שיך! ניט שעהמט זיך, פיס!
דער קיצעל פון דעם גראָז איז זיס.
און באַלד, אָט־דאָ, צופוסענס ביי מיין הויז,
דאָס וואַסער שפּרייט זיך זאַרגלאָז, ברייט און לויז,
א רונצעל און א קנייטש, קוים, קוים
א וועל זיך ציהט, א וועל א טרוים.

אַראָב די קליידער, זיך אין טייך א וואָרף, —
הא, גוט און וואויל! — ווי קומט מען שוין אין דאָרף?

2.

שוין גוט. נו זאָגט, וואָס לאַכט איהר, מיינע פריינד ?
דעם מאָרגען ? — האַלט פאַר אייך, איך וויל דעם היינט ;
וויל לאַנג איך לעב, לעבט אלץ אין מיר פאַרטרויט.
און אלץ שטאַרבט אָב, ווייבאַלד איך בין נאַר טויט.

ניט פיין, איהר זאָגט ? די „תורה“ גילט אין שטאָדט,
וואו אָבשטויסענד דער מענש, און פרעמד איז גאָט,
ניט אויפ׳ן דאָרף, וואו גאָט׳ס געצעלט
איז אומעטום. און ניט פאַרשטעלט
איז מוטער־ערד ביז הימעל הויך
מיט שטיין און שטאָהל און וואָלקענס רויך.

צו פרימיטיוו ? נו, און די שטאָדט ?
זי פאָלגט דעם זעלבּיגען געבאָט
פון עסען, טרינקען, נאַך און נאָך...
דעם אייביג־פרימיטיווען יאָך ;
די לאָדענס נאָר פאַרהאַקט, עס זאָל קיין בליק
ניט שטערען איהר גראָבעוועטען גליק.

פאַר מיר דער דאָרף ! וואו רויב איז רויב,
וואו אָפען ליעבט די פרומע טויב.
און איינעמס פרייד — דעם צווייטען ניט צו לאַסט,
אוואו דער „טרעמפ“ איז אויך א גאַסט. —

3.

וואס קען מיר בעסער, ליעבער זיין פון דאָרף?
איך טהו זיך אויפ'ן פייכטען גראָז א וואָרף
און פריי איך זויג דער מוטער'ס פולע ברוסט,
פארגעס איך האָב א זאָרג גאָר ווען געוואוסט.

מיין חבר ווערט דעם פויער'ס גרויער הונד,
מיט פעלד און וואַלד איך שליס א טרייען בונד,
און פייער־פליגעלאך אָהן שיער
פון אלע זייטען ווינקען מיר
און רוימען שטיל מיר איין א סוד,
אז כ'האָב א טהייל אין גאָט'ס גענאָד.

אהאָ! איהר קעהרט זיך אָב פון מיר, אזוי?
אייך שרעקט די פייכטקייט פונ'ם פרישען טהוי?
פארשלאָסען אין דעם ענגען שטאָדט, איהר ווערט
א לעבען לאנג פון פוילע לופט גענעהרט,
געווירצט מיט נאָכגעמאכטען בשמים־דופט,
צומישט מיט לייבער־זאַפט, וואָס „רייצונג" רופט.

פאר מיר דער דאָרף! וואו שוויים איז שוויים,
די נאכט איז קיהל, דער טאָג איז הייס;
וואו אמת־הארציג איז דער לאַך,
כאָטש האָסט קיין זאַך, דאָך האָסט א סך...

1918

עוואָלוציאָן.

(פראַגמענט)

דער וועג איז א לאַנגער. ווער ווייס דאָס דען ניט?
אומזיסט איז דאָס יאָגען, דאָס איילען.
נו געהט מען זיך לאַנגזאַם, מען חשבונ'ט די טריט,
ס'וועט ווערען אמאָל פון זיי מיילען.

פון רגע'ס א שעה ווערט, פון טעג ווערט א וואָך,
פון וואָכען — חדשים און יאָהרען.
און וועהען עס קאַרטשעט די צייט זיך, — און דאָך
דער מענש איז נאָך אלץ ניט געבאָרען.

די צייט אויפ'ן ברוך־שטוהל געוועזן שוין פיל מאָל,
געהאַט א פּאַרזעהנים, א מפּיל,
געהאָפט און געגלויבט אלץ ס'וועט „מענש" זיין אמאָל.
געהימז, ווי פון אויג דעם שוואַרץ־אַפּיל.

נאָר נאָך איז דער „מענש" ניט געקומען אהער;
די צייט געהט ביי ברוך־שטוהל פאַרלאָרען.
ווי ביטער די אנגסטען, די וועהען ווי שווער!
און נאָך איז דער „מענש" ניט געבאָרען...

1913

* *
*

„והיתה הקשת בענן,
לזכור ברית עולם...“
(בראשית ט)

ס'האָט דער הימעל זיך פאַרטרויערט
און מיט אַ כמאַרע זיך פאַרצויגען.
האָט זיך די זון פון ווייט צושמייכעלט,
און שוין שיינט אויף אַ רעגענבויגען.

ס'האָבען מענשען זיך פאַרזינדיגט,
און אויפגעפלאַמט האָט באַלד גאָט'ס צאָרען.
נאָר ווי דערזעהן ער האָט דעם בויגען
איז באַלד זיין כעס געשטילט געוואָרען.

1917

אַ מאַמע.

(פראַגמענט)

ניט אייל, ניט אייל, מיין קינד. לאַז זעטיגען מיין אויג,
מיין אַלטע, שוואַכע אויג,
און לאַז מיר זעהן דיין פּנים נאָך און נאָך.
דיך מעהרער זעהן כ׳וועל ניט. —
ווען דיינע לעצטע טריט
פאַרקלינגען וועלען אין דעם רויש פון גאַס,
וועט עפענען זיך דאָן מיין בראָך,
די אויגען מאַכען נאַס...
די טרעהרען וועלען פאַלען אויף אַ קאַלטען שטיין,
און בלייבען וועלען מיר, נאָר איך און מיין געוויין
אַליין. —

דו זאָגסט מיר צו... ניין! בעסער זאָג מיר צו קיין זאַך.
נאָר לאָז מיר הערען בלויז דיין לאַך.
דער אָבקלאַנג בלייבען וועט מיט מיר, אין מיר.
דיך הערען מעהרער וועל איך ניט.
ווען ס׳וועט דער שפּור פון דיינע טריט
צוטראַטען זיין פון פרעמדע פיס, —
כ׳וועל אַלץ נאָך שטעהן ביים שוועל פון טיר...
און בלוטען וועט אין האַרץ דער ריס
פון שטילען זיפץ. וואָס טוט אין טיעפען וועה פאַרגעהן.
פאַרבלייבען וועלען נאָר מיין זיפץ און מיין געוויין
מיט מיך אַליין...

1919

די שלעכטע קאץ.

געבראכט האט פּאַ אַ פישעלע,
אַ גאָלדענעם, אַ שעהנס;
איך האַלט עס אין אַ שיסעלע,
אַ שיסעלע אַ ריינס.

געקויפט האָט מאַ אַ פויגעלע,
אַ פויגעלע וואָס זינגט;
איך האַלט עס אין אַ שטייגעלע,
וואו ס'פישטשעט, טאַנצט און שפּרינגט.

דאָס פישעלע אין שיסעלע,
שווימט ליבליך שטיל אַרום, —
איך בעט עס: זינג אַביסעלע,
זי שווימט זיך ווייטער שטום.

איך נעם זיך צו מיין פויגעלע;
— אין שיסעל שווימען געה!
זי פינטעלט מיט אַנ'אויגעלע,
און צאַפּעלט זיך אַזוי.

כ'בלייב זיצען ברוגז'דיג אַליין,
כ'ווער אומעטיג און טריב;
צו מיר שפּרינגט צו דאָס קעצעל קליין,
און מורקעט אַזוי ליעב.

איך גלעט זי צאַרט און גלעט, און גלעט,
און דרימעל רוהיג איין;
מיר דוכט — צו מיר קיין איינער ווערט,
ווי קעציל צערטליך זיין.

כ'שטעה אויף, רייב אויס אַז אויגעלע,
זעה: קעציל'ס מויל איז רויט;
מיין פישעלע, מיין פויגעלע,
זיי זענען ביידע טויט...

1917

מאָדערנע...

די פעלדער אויף מײלען אין פּאַסען צושניטענע,
מיט גרויע און שטומע אַספּאַלטען אין מיטען.

ווי קברים צומאָסטען, צוקאַפּעגס א נומער,
און שיטערע בוימלאַך, וואָס ברײנגען א קומער.

דער טײך ליגט פאַרמויערט אין שטײנערנע ברעגען
און שטשירעט מיט רויִקע קוימענס אַנטקעגען.

און קרענקליכע גראָזען פאַרצאַמטע אין פּלײטען,
און װענלאַך, און שטעגלאַך געשלאָסען אין קײטען...

1919

דאָס ליעד פון דער האַרף.

אויף א גלאַטען באַרג,
אויף א גראָהען פעלז,
ליגט אַן אַלטע האַרף
א צובראָכענע.
ליגט שוין יאָהרען לאַנג
א פאַרלאָזענע,
איהרע סטרונעס לויז
און מיט שטויב באַדעקט.

דאַך ווען ס'קומט א ווינד
און באַריהרט זי נאָר,
ווערט די אַלטע האַרף
שטייף און גאַנץ צוריק
אין איין אויגענבליק;
און עס שאַלט איהר ליעד
פון דעם הויכען באַרג
צו דעם טאָל אַראָב.

שטאַרקט זיך מעהר דער ווינד,
העכער קלינגט דאָס ליעד,
זינגט אַראָב צום טאָל,
רעדט אין מענשען־שפּראַך:

„קראַפט אַל־שאַפענדע,
קראַפט אַלמעכטיגע!
איך באַדויער דיין
שיקזאַל קלעגליכען.

אוצרות פול מיט גוטס
שאפּסט יאהר איין, יאָהר אוים,
און געניסט דאָס אלץ
גאָר אַן אנדערער;
לאַכט נאָד אוים דיך, קראַפּט,
האַלט דיך פעסט אין צוים,
לאָזט קיין קלעהר ניט טאָן, —
ווייסט דיין גבורה ניט..."

און אזוי דאָס ליעד
פון דער אַלטער האַרף
טראָגט זיך ברייט און ווייט
פון דעם גראָהען פעלז.
הייבט מען מורמלען אָן
אין דעם טיעפען טאָל,
כוואַליעט זיך אַ רויש,
קייקעלט זיך אין לופט.

פּאַלען בליצען באַלד,
פליהט אַ דונער אָן,
ברעכט די האַרף מיט כעס,
די אומווירדיגע.
קומען כמאַרעס שוואַרץ,
פינסטער — פינסטערער,
וואַרפען אָן אַ שרעק,
ווערט שוין, דוכט זיך, שטיל, —
פאַנגט די האַרפע באַלד
איהרעס אויף דאָס ניי.—

קומט א פייער־פלאם
ברענט די האַרף אויף קויל,
קומט א שטורעם־ווינד
טראָגט די אַש אוועק
און צוזייט, צושפּרייט
וואו אַ מדבר פ'ראַן.
וואקסען אוים פון שטויב,
דורך א צויבער־האַנד,
הארפעם אנדערע,
נייע, שטאַרקערע.

שטאַרקער קלינגט דאס ליעד,
מוטיג־מוטיגער,
און זי גרייכט, דערגרייכט
אלע טיילען וועלט.
פון געמורמעל ווערט
א גערויש אין טאָל.
בליצט גלייך ווידער אויף,
דונערט אַהן א שיער;
קומט א וואלקען־ברוך
פעך און שוועבעל גיסט,
און דער פייער־פלאַם
ברענט און ברענט אויף אַש...

העלפט דאס מעהר שוין ניט,
הארפעם פ'ראַן א סך,
קען דער פייער ניט
אלע אויסברענען.

און אין טיפען טאָל
ווערען ווערט ניט שטיל;
קולות שרייען הויך — — — — —
— — — — — — — — — — — —
ס'ברעכט דעם צוים די קראַפט...

1909

מ ח נ ו ת.

1.

מחנות מענשען אויף די גאַסען
שטעהען, געהען, איילען, יאָגען;
קעפּ פאררייסען, קעפּ געבויגען,
ווער ס'געהט זאַרגלאָז, ווער צוטראָגען.

מחנות שטעהען ביי די זייטען,
מיט א חוזק אלץ באגלייטען, —
פאלט אום איינער, לאכען אלע,
אַרט ניט איינעם פאר א צווייטען.

מחנות מענשען אויף די וועגען,
ביז צום הימעל שטויבען שטייגען, —
רייטער, פוהרען, פערד און בהמות
איינע רעווען, אנד'רע שווייגען...

מחנות קומען און אנטקעגנען,
שטופּט מען, שטויסט מען איינס דעם צווייטען,
ווילדע קולות אין דער לופטען,
טויטע קללות זיי באגלייטען. —

2.

אַ תהום.
און מחנות בלייבען שטעהן ביים ברעג.
מען קוקט זיך שווייגענד אַן, ניטאַ קיין וועג. —

נאָר באַלד —
פאַרשליסען הענד זיך אין אַ קייט,
דעם שטוים פאַרהאַלטען זיינען אַקסלען גרייט.

און שוין,
געשלאָסען ווערט אַ פעסטער רינג,
און ס׳אָטעמט יעדער פרייער אַב און גרינג.

3.

מחנות מאַרשירען אין רייהען געשלאָסען,
גלייך ווי אַ וואַסער האָט ברייט זיך צוגאָסען.
ציהען זיך צייל ען, אויף מיילען, אויף מיילען,
דוכט זיך אַז ס׳ציטערט די ערד אויף די זיילען.

ריטמיש באַוועגען זיך אַלעמענס גליעדער,
דוכט זיך אַהן ווערטער צווינגען זיך ליעדער.
ליעדער אַהן ווערטער — און דאָך אַזוי קלאָר —
דאָס זינגט זיי דער ברוזענדער לעבען אין כאָר.

ווערען פאַר'כשופ'ט אויף די וואָס פון ווייטען,
וואַקסען די מחנות פון אַלע פיער זייטען,
רייהען געשלאָסען, — דורך מדבר און ים'ען
מחנות מאַרשירען, ווער קען זיי פאַרצאַמען? — —

4.

נייע וועגען אויסגעטראָטען
היימליך איז דער וואַנדער!
ערד און הימעל,
גראָז און בלימעל
גריסען איינס אַן אַנדער.

אויף די נייע וועגען מחנות
האָבען זיך פאַרבונדען.
ליעב און טייער
לייכט דער פייער,
וואָס איז אָנגעצונדען.

רויב און צוואַנג, און פיין און נויטען
אויס, ניטאָ, אַנטרונען.
ברכות קלינגען.
ווילט זיך זינגען:
וועלט, האָסט זיך געפונען! — —

1918

די בויער.

„הבונים בחומה והנושאים בסבל...“
(נחמיה, ד׳)

געזיכטער און אָרעמס פון וועטער פאַרברווינטע,
באַוועגונגען זיכערע, מוטיג און שטאָלץ, —
זיי בויען די בויער, צו אַרבייט געוואוינטע,
און האַקען די שטיינער און זעגען דאָס האָלץ;
זיי בויען און זינגען אַ נגון, אַן אַלטען:
סאַי זומער דעם הייסען, סאַי ווינטער דעם קאַלטען,
מיר בויען, מיר בויען!

די אַלטע בנינים מיר ברעכען, צושטערען,
פאַר נייע בנינים דער פּלאַץ זאָל זיין גרייט.
מיר גלייכען אויס גריבער, און בערג מיר פאַרקעהרען
און אונזער געזאַנג־ליעד טראָגט פריי זיך און ברייט:
שלאָג, האַמער! ברעך שטיקער פון שטיין פונ׳ם קאַלטען,
אַ ווידער־קול שאַלט אָפּ פון וואַלד, פון דעם אַלטען.
מיר בויען, מיר בויען!

אַמאָל אויך עס טרעפט זיך, מיר ברעכען, צוּוואַרפען
אַ הויז צו אַ קאַמער, וואָס נאָר וואָס געבויט;
אַ טעות פאַררייכטען מיר מוזען, מיר דאַרפען,
די אַרבייט פון בויען איז אונז דאָך פאַרטרויט.
די אַרבייט פון בויען איז הייליג און טייער,
צוגיס, דו געזאַנג זיך, צוגליה זיך ווי פייער,
מיר בויען, מיר בויען!

מיר בויען פון דורות פאַר דורות וואָס קומען —
ביים בויען נישט איינער געפאַלן איז טויט —
די זעג, האַק און האַמער, דאָך ווערען ניט שטומען,
ביז פאַרטיג דער בנין וועט שטעהן אויפגעבויט.
מאַכט שטאַרק דעם פונדאַמענט, ער זאָל ניט צופאַלען,
ברעכט שטיינער, שניידט העלצער, זאָל הילכען און שאַלען
מיר בויען, מיר בויען!

* * *

באַוואָפענט זיי שטעהן מיט העק און מיט זעגען,
די קליידער פאַרשמירטע אין קאַלך און אין ליים;
אין קעלט און אין היצען, אין זון און אין רעגען
זיי בויען, די בויער, א היים נאָך א היים,
און זינגען געזאַנגען פון ליעבשאַפט און טרויען:
מיר בויען אויף וועלטען, ווען איינ׳ג מיר בויען,
מיר בויען, מיר בויען!

1919

בלאָנדזשען צוויי מענשען...

(א מעשה׳לע)

עס זיינען געגאַנגען צוויי מענשען אין וועג,
און יעדער געוועזען איז פאַר זיך פאַרטראַכט,
געקוקט אויפ׳ן צווייטען מיט שטילען פאַרדאַכט;
עס האָבען געבלאָנדזשעט צוויי מענשען אין וועג.

זיי האָבען געבלאָנדזשעט, געשטויבט מיט די פיס.
ארום האָבען פעלדער געבלומט און געגרינט,
די זון האָט פיעלפארביגע שטראַהלען געשפּינט;
זיי זיינען געגאַנגען, געשטויבט מיט די פיס.

פארשטויבטע זיי בלאָנדזשען, פארברענטע פון דורשט.
נאָר נאָהענט א טייכעלע זשומט אזוי שעהן.
נאָר קיינער פון ביידען אהין קלעהרט צו געהן;
זיי געהען פארשטויבטע. פארברענטע פון דורשט.

און וויי טער זיי געהען פארהונגערט, פארשמאַכט.
און גערטנער, און סעדער ארום אזוי פיעל,
און ס'מאַניען די פרוכטען, אין שאָטען איז קיהל;
און זיי געהען וויי טער פארהונגערט, פארשמאַכט.

עס וויל פון זיי קיינער דער ערשטער ניט זיין:
פארלאָזען די זאַמדען און רוהען א ווייל.
עס וועט דאָך דער צווייטער שוין וויט זיין א מייל...
עס וויל פון זיי קיינער דער ערשטער ניט זיין.

און וויי טער זיי וואַנדלען און שטויבען אין וועג.
צו זוכען זיי גליקען? צו זוכען זיי ברויט?
נאָר קיינער האָט קיינמאָל דעם צווייטען געטרויט...
פארשטויבטע זיי בלאָנדזשען, צוויי מענשען אין וועג...

1918

מענשעלעך.

(נאָך ק. באַלמאָנט)

מענשעלעך היינטיגע, קליינינקע, שוואַכינקע,
טרוקענע הערצעלעך, מח'לעך פלאַכינקע,
שמייכעלעך ליעבינקע, זיסינקע ריידעלעך,
ניט די הגדה'לע — מיינען די קניידעלעך...

שרייבען געזעצעלעך קונציג, צוויי פנים'דיג,
פוילען זיך געבען, מיער ווערען ניט נעהמענדיג;
הייראַטס געזעצליכע, טהרת משפחה'לע, —
„ליעבעס געשעפטעלע" וואַקסט מיט הצלחה'לע.

בוקען פאַר גאָטעניו, גלויבען אין שדים'לעך,
האַלטען פון יחוס ניט, קויפען זיך „איידימלעך",
רייסען גדערים מיט איידעלע הענטעלעך,
ציערען די פרייהייט אין גאָלדענע פענטעלעך. —

* * *

מענשעלעך היינטיגע, קלוגע געבילדעטע,
ניט ווי פאַרצייטיגע, גראָבע, פאַרווילדעטע:
קינדער געבראָטען, געפרעסען די ברידערלעך,
פרויען געשטאָכען, צוריסען אויף גליעדערלעך;
דיינע צו מיינע — געוואוסט נאָר דאָס איינציגע:
שטילען דעם הונגער. נשמה'לעך קליינציגקע!

היינטיגע מענשעלעך זיינען גאנץ פיינינקע,
היטען די דינים'לעך: דייניגקע, מייניגקע;
רויבען און מאָרדען — א זינד איז א שרעקליכע,
שעהרען די שעפּסען — א זאַך אַן אלטעגליכע; —

טרעפט ווען אַ שעפּעלע בריקעט אביסעלע,
טרייבט מען אין שטאַהל'כעלע, בינדט מען א פיסעלע,
זינגט מען אפילו דאָס זעלביגע ליעדעלע,
שינדט מען א הייטעלע, רייסט מען א גליעדעלע.
טוט מען דאָך צניעות'דיג, אונטער א מאַסקעלע,
גלעט מען דעם קרבן'דעל, שענקט מען א לאַסקעלע...

מענשלעך, אי! היינטיגע, צאַצקעלעך, שררה'לעך.
ר'זענט נאָר קיין מענשען ניט, טויגט אויף כפּרה'לעך!...

1910

פון ראבינדראנאטה טאגאר.

1.

וואָרום ז'דער פייער אויסגעלאָשען?
איך האָב איהם מיט מיין קלייד פאַרשטעלט,
צו שיצען פון דעם ווינד אין פעלד, —
דערפאַר ז'דער פייער אויסגעלאָשען.

וואָרום ז'די בלום פאַרוועלקט געוואָרען?
איך האָב געדריקט זי צו מיין ברוסט,

אין לעבענס אנגסט, צו שטאַרק מיט לוסט, —
דערפאַר ז'די בלום פאַרוועלקט געוואָרען.

וואָרום דער קוואַל איז אויסגעטריקענט?
איך האָב פאַרצאַמט זיין פרייען וועג,
ער זאָל נאָר פליסען צו מיין ברעג, —
דערפאַר דער קוואַל איז אויסגעטריקענט.

וואָרום האָט מיר געפּלאַצט א סטרונע?
איך האָב געוואָלט א טאָן צו שאַרף
ארויסבאַקומען פון מיין האַרף, —
דערפאַר זי האָט געפּלאַצט, די סטרונע. —

2.

איך האָב דיין רויטע רויז געפליקט,
אָ, וועלט!
איך האָב זי צו מיין ברוסט געדריקט;
געשטאָכען האָט איהר דאָרען.
נאָר דורכ'ן טאָג פאַרוועלקט די רויז,
דער וועהטאָג איז געבליבען בלויז,
דער וועהטאָג פון איהר דאָרען.

עס וועט געווירצט נאָך זיין דיין לופט,
אָ, וועלט!
מיט בלומען ריח, בשמים דופט,
נאָר מיין רויז איז פאַרלאָרען;
אין פינסט'רער נאַכט — ניטאָ מיין בלום,
מיך בריהען נאָר די וואונדען שטום,
דער וועהטאָג פון איהר דאָרען. —

פייערלאך

טאָג און נאַכט.

(צום אָנדענק פון מיינע עלטערען.)

דער לאַנגער, רוישיג־ראַשער טאָג
האָט גאַלאָפּירט אין ווילדען יאָג,
גע'רעש'ט, געברומט צום ווערען טויב
און אַלץ באַדעקט מיט וואָלקענס שטויב.

אַ־אַ־אַ... געקרעכצט זיין ווידער־קול
האָט אויסען שטאָדט אויף בארג און טהאָל.
ביים רויטען זונען־אונטערגאַנג
געשטאָרבען איז זיין לעצטער קלאַנג.

און דאַן געקומען איז די נאַכט,
דעם חושך אין איהר שוים געבראַכט.
איין טרייסעל פון איהר שווארצען דעק
האָט אַנגעוועהט אויף אַלץ אַ שרעק.

א פינסט׳רער וועג. נאר וואו ניט וואו
א פייער־פונק בליצט אויף, ווינקט צו,
און מאניעט ליעב, און רופט צו זיך.
דער וואנד׳רער געהט איהם נאך אויף גיך.
און איילט, און איילט צום דינעם שטראהל,
ווי דער וואס דורשט איילט צו א קוואל. —

נאכט־אויגען.

איז שטום די נאכט.
נאר כאטש די נאכט איז שטום, איז זי ניט בלינד;
זי האלט די אויגען וואך, ווי ס׳טוט א קינד,
ווען ס׳קוקט א גרויסען נאך, זיין יעדען קעהר,
און רעדט קיין ווארט ניט אוים. — א קינד, ניט מעהר. —

דער וועג ביי נאכט איז שווארץ און שטום,
און ניט צו זעהן פאר זיך וואו גלייך, וואו קרום.
א פייערל בליצט אויף פון ערגיץ־דארט,
מאכט היימליכער דעם פינסט׳רען ארט.

איין שטיק געגאסען שטעהט ביים וועג דער וואלד,
ווערט אויפ׳ן הארצען שווער, אז אימה פאלט, —
נאר באלד א פייער־פונק שניידט דורך די לופט
און שטיל א שמייכעל אויף די ליפען רופט.

דער פונק צו וויעגט זיך ווייך, אַ הין אַ הער,
און מאַכט פאַרגעסען אַז דער וועג איז שווער,
און מאַכט צו גלויבען אַז אַן אויג איז וואַך,
וואָס דרינגט דורך אַלץ, און זעהט, און זעהט אַ סך, —
נאָר ס'שווייגט די נאַכט.

דער וואַנדערער.

ווען נאָך אַ קינד, ער האָט געזוכט ביי נאַכט
צו זיצען שטילערהייד, אַליין, פאַרטראַכט
און מאָהלען בילדער אין זיין דמיון רייך,
וואָס טוט זיך דאָרט אויף יענער זייט פון טייך.

אויף יענער זייט פון טייך, ער האָט געהערט,
צו געהן אַליין געוועזען איז פאַרווערט.
דאָרט שטעהען חורבות פון אַן אַלטען שלאָס,
די ווענד באַוואַקסען דיק מיט מאָך און גראָז,
און דעמבעס אַלטע פון פאַרצייטען,
זיי האַלטען וואַך פון אַלע זייטען,
און שאָקלען סודות'דיג די צווייגען:
דאָ זאָל זיין שאַ, דאָ דאַרף מען שווייגען...

און אַט, ווי דורך אַ צויבער־שפּרוך שפּרינגט אויף
אַ פלעמעלע און שוועבט אַראָפּ, אַרויף,
אַ פייעריל אַ קליינס, אַ פינקעל און ניטאָ,
און באַלד אַן אַנד'רער אויף זיין פּלאַץ שוין דאָ.

און ער, נאָך גאָר אַ קינד, דעם קאָפּ אויף האַנד געשפּאַרט,
ער זיצט און קוקט אַהין, און גלוסט, און לעכצט, און גאַרט. —

* * *

אַ לאַנגער, ווייטער וועג מיט גריבער דאָ און דאָרט
געצווייגען האָט זיך ווייט פון שלאָס.
אַ הין איז ער אַוועק, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט,
קיין שאלות ניט געפרעגט: וואוהין? נאָך וואָס?

אַ גרויסע, ברייטע וועלט וואָס רעגט אַזוי און רופט,
און רייצט מיט קלאַנגען אין דעם בלויען ווייט...
און דאָ... אַ גרויער שלאָס, און פייכט און שווער די לופט,
און אַלט, ניט ריהרעוודיג איז אויך די צייט.

* * *

איז ער אַוועק.
איהם אַרט ניט וואָס ציהט זיך דער וועג אַזוי לאַנג,
אַ פרייד אין זיין האַרצען איהם זינגט אַ געזאַנג.

און פיהלט קיין שרעק.
פאַרשפּרייטען זיך כמאַרעס, נאָך שוואַרצער פון נאַכט,
און ס'הערט זיך פון ווייטען אַ דונער־קנאַל קראַכט.

ער נעהט זיין וועג.
מיט פייערינע פינגער דער בליץ טוט אַ פיהר,
צו ליכטיגע וועלטען געעפענט די טיר...

און דאָרטביים ברעג.
די פייערלאָך־פלעמעלאָך ווינקען איהם צו:
אַט באַלד שוין, אַט באַלד שוין געפינסטו דיין רוה. —

א טראָפּען גיפט.

אמאָל, ביי נאַכט, ווען נאָך א לאַנגען וואַנדער־טאָג
ער שטעהט ביים זייט פון וועג און גאַרט נאָך רוה, —
און אין געדאַנק ער טוט צו זיך אליין א זאָג:
ווי גוט א וואַרעם־היים וואָלט זיין... נאָר וואו?

דערמאָנט ער זיך, ווי ער איז נאָך א קינד געווען:
ער זיצט אין חדר ביי דעם רבינ'ס טיש
און לערענט און איז בייז; ווי איז דאָס גאָר געשעהן,
צוליעב א טאָפּ מיט פלייש, א פאַן מיט פיש

א פאָלק זאָל וועלען געהן צוריק אין יאָכען־לאַנד?
איז פרייהייט'ס פּרייז א טאָפּ מיט פלייש ניט ווערט?...
די אויגלאָך ברענען הייס, דער פּנים פלאַמט פון שאַנד, —
ווען ער איז דאָרט, — ער וואָלט געגורט א שווערד...

ער קוקט זיך אום ארום. שטאָק־פינסטער איז די נאַכט.
נאָר ערגעץ שיינט א פּינטעלע, ניט מעהר.
און ער אליין איז מיעד, צובראָכען און פאַרשמאַכט,
דער וועג מיט גריבער פול און לאַנג, און שווער. —

נאָר באַלד ער זעהט אין פונק א פייער־זייל פאַראוים,
נאָך איהם די מחנות ציהען בלינד־פאַרטרויט
דורך ימים זאמד... און ביז צום גרינעם לאַנד וואַקסט אויס
א נייער דור, וואָס שרעקט זיך ניט פאַר גויט. —

צווייפעל.

אין מיטען וועג איז דאָס געשעהן.
ר'האָט א געשטאַלט פאר זיך דערזעהן,
דערהערט א קול וואָס האָט געזאָגט:
דו ווייסט נאָך ניט וואָס גאָט פארמאָגט.
א גרויסע, שעהנע וואונדער־וועלט
האָט ער צושפּרייט ארום זיין צעלט.
דאָרט סוף און אָנהייב אין איין שלייף
פארפלעכטען, בינדען זיך צונויף.
נאָר גרעסער איז דעם טייפעל'ס קראַפט,
וואָס ברעכט, צושטערט, וואָס גאָט באַשאַפט...

די אויגען ווענד, דו מענשען־קינד,
אהין, וואו ס'טראָגען זיך אום בלינד
אַזוי פיעל וועלטען, אָהן א צאָהל,
און זעה ווי נישטיג איז דיין טאָהל,
און דו אין איהם א ברעקעל־שטויב.
דיין פרייד, דיין לייד, דיין פלוך, דיין לויב
אין דיר, פאר דיר זיי לעבען בלויז,
און דו אליין — א מילב די גרויס.

דיך גליקליך מאַכט א שוואַכער וואונק,
און זעהסט א זון אין קליינעם פונק. —

הויכע ספערען.

צו יענע רוימען, ברייט און ווייט,
וואו ניט געמאָסטען איז די צייט;
וואו ניט געצאַמט איז דער פאַרלאַנג
און ניט באַקליידט אין וואָרט און קלאַנג, —
אהין ער האָט געמאַכט זיך גרייט
און זיינע פליגלען אויסגעשפּרייט.

א מלאך האָט זיך שטיל באַוועגט,
די ווייסע פליגלען אויסגעשטרעקט;
זיין פּנים — פּוסט, זיין גוף — אָהן בלוט,
נאָר שוועבט אין לופט. ניט שלעכט, ניט גוט.

און וועלטען דרעהען זיך אין רוים,
אין פרייען רוים, און דאָך אין צוים,
און מאָנאָטאָן, און אָהן געשמאַק,
ווי פון א זייגער דער טיק-טאַק.
און שטויסען וועלטען זיך צונויף
אין זייער ווילדען, ראַשען לויף.
דאָן הילכט נאָר אָפּ א טויטער קראַך
אין שטומען „נישט", און מעהר קיין זאַך — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
צוריק א „מענש" ער פאַלט אויף ערד
און ווערט פון פייערלאַך פאַרצעהרט...

דער „מענש"

און דאָן, מיט וואונדען פול פון קאָפּ ביז פיס.
די קליידער אַלט, צופליקט, א ריס אויף ריס,
ער לאָזט אין וועג זיך, און ער שיינט פון גליק,
וואָס צווישען מענשען, „מענש" איז ער צוריק;
וואָס ווייס פון גוט און שלעכט, פון טוגענד, זינד,
פאַרשטעהט אי שד, אי גאָט, — ניט "געטליך" בלינד;
וואָס קען אין ליעבעס פלאַם פאַרברענען זיך אויף קויל,
וואָס דאַרף א פייגענבלאַט... אבי ניט „הימליש"-הויל...

א, מוטער חוה, דו האָסט אונז ערלייזט פון שפּאָט.
וואָס וואָלט געטויגט די וועלט, א וועלט פון לויטער גאָט?...

* * *

דער וועג איז לאַנג און שווער. די נאַכט איז שוואַרץ.
די וואונדען בלוטיגען, און שוואַך — דאָס האַרץ.
נאָר ערגעץ־וואו א פייעריל בליצט אויף,
ער געהט איהם נאָך פאַרטרויט, אראָפּ, ארויף,
און האָפט און גלויבט, ער קומען וועט דאָך פאָרט
אהין, צו גאָט'ס־געבענשטען, שטילען ברעג.
און היילונג ברייגנען וועט זיין וואָרט
צו די פאַרוואונדעטע פון וועג. —

דער שכר.

ער איז צו די מענשען א וואַגלער געקומען,
אַנטפּלעקט זיי דעם עלענד, זיין גרויען געשטאַלט.
האָט ווער פון רחמנות א זיפץ געטאָן קאַלט,
און מעהר פון זיין עלענד האָט קיינער פארנומען.

ער איז צו די מענשען א ברודער געקומען,
א הארץ פול מיט ליעבע צו אַלעמען גלייך.
זיי האָבען געשמייכעלט: אָט מאַכט ער אונז רייך...
און מעהר פון זיין ליעבע האָט קיינער פארנומען.

ער איז צו די מענשען א נביא געקומען
מיט לויטער נשמה און געטליכען וואָרט.
פארשטיינערט זיי האָבען איהם גלייך אויפ'ן אָרט.
און מעהר זיין נבואה האָט קיינער פארנומען.

ער איז צו די מענשען א הערשער געקומען
מיט בייטשען און דערנער, מיט קייטען... און דאָך,
זיי האָבען געבלוטעט אין שרעקליכען יאָך
און האָבען זיין הערשאַפט געטראָגען, פארנומען. — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָן, גרייט איז א קללה געוועזן אויף די ליפּען;
צו דיק איז דער חשך, פארשאַלטען און בלינד...
נאָר ווידער די פייערלאָך מינען געשווינד,
און ווידער די פעדים פון גלויבען זיך קניפּען. —

א סוף אָהן א סוף.

שוין ווייט נאָך האַלבען טאָג. די הענד ווי בליי.
די פיס געשמידט. דער קאָפ איז פול מיט רויך.
נאָך טאָג קומט נאַכט. דאָס איז פאַר איהם ניט ניי.
זי קומט שוין אָן. ער פיהלט איהר שווארצען הויך.
דאָך שטיל א נאָגונג זויגט זיין הארץ און זויגט,
און צו דער ערד זיין ווייסען קאָפ ער בויגט.

ער שטעהט און הערט ווי ס'שטאַרבען לאַנגזאַם־לאַנג
די קלאַנגען אָפ אין ווייטען, בלויען רוים.
אזוי דאַרף זיין, ער ווייס. דאָך ווערט איהם באַנג,
און מיט אמאָל וואַכט אויף זיין יוגענד־טרוים:
אויף יענער זייט די חורבות פונ'ם שלאָס,
די ווענד באוואַקסען דיק מיט מאָך און גראָז...

* * *

אין שאָטען ליגט דער אַלטער וועג פאַרדעקט,
צו צווייגט דער נייער וועג שווינדט ערגעץ־וואו.
און טריעב ער שטעהט די הענד נאָר אויסגעשטרעקט...
פון ווייטען פייערלאָך איהם ווינקען צו:
דאָס איז דער לעבענ'ס־ראָד, וואָס דרעהט זיך אום אָהן ענד,
ווי משה'ס דאָרן ברענט, און ווערט קיינמאָל פאַרברענט. — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

1919

אינהאַלט-פערצייכניס

זייט

* * * — 3

צווישען הימעל און ערד.

רינגלען מיך אוראַלטע בוימער ארום — 7
אין א שיפעל — 3
ביים טייך — 9
ווען די זון פארגעהט — 10—11
אַ בין השמשות — 12—16
א זומער־פריהמאָרגען — 17—19
געוויטער — 20—21
ערוואכונג — 22—23
אַ גאנצע נאכט — 24
אַ שטיף און א שפרונג — 25
דער סוף — 26
גארבען — 27
* * * — 28
אנטקעגען מיין פענסטער — 29
ס'האָט דער הערבסט זיין הן — 30—31
א שווערע נאכט — 32
ס'האָט מיט אמאָל א בליץ געטאָן — 33
ביט שרעק זיך, קינד — 34
ווינטער־נעכט:
1. אין שטוב — 35
2. אין גאַס — 36
3. אין פעלד — 37—36
רוה — 39

אין די בערג.

זייט

* * * — — — — — — — — — — — — 43
טעמפעל־רואינען — — — — — — — — — — 44—45
דער רייטער — — — — — — — — — — — 46
די ראָקי־בערג — — — — — — — — — — — 47
דרימלענדיג — — — — — — — — — — — 48—49
יוטאה — — — — — — — — — — — 50—51
לייק־טאַהאָ — — — — — — — — — — — — 52
דער אדלער־פעלז — — — — — — — — — — 53—54
צוריק צום מזרח — — — — — — — — — — — 55
היים־וועה — — — — — — — — — — — — 56
טונעלען — — — — — — — — — — — — 57
* * * — — — — — — — — — — — — 58
אויפ'ן סאָלט־לייק, 1, 2 — — — — — — — 59—60

גרויע שעה'ן.

ווען מאָרגען קומט — — — — — — — — — — 63
בלומען און דערנער — — — — — — — — 64—65
ווען דאָס הארץ וויינט — — — — — — — 66—67
ערגעץ — — — — — — — — — — — — — 68
דער תכלית — — — — — — — — — — — — 69
טאָג און נאכט עס גיסט א רעגען — — — — — 70
עס וועט אַזוי... — — — — — — — — — 71—72
די קיום — — — — — — — — — — — — — 73
יאוש — — — — — — — — — — — — — 74
געגענוואָרט — — — — — — — — — — — — 75
אונזערע לעבענס — — — — — — — — — — 76
צו שפעט — — — — — — — — — — — — 77
לאָז מיך טראכטען — — — — — — — — — — 78
קען איך ניט — — — — — — — — — — — — 79
שלאָפלאָזע נעכט, 1, 2, 3 — — — — — — 80—81
אין קראַנקע טעג, 1, 2, 3, 4 — — — — — — 82—84
האָב איך נאָך א פריינד געבענקט — — — — — — 85
אויפרעגונג — — — — — — — — — — — — 86
עלענד — — — — — — — — — — — — — 87

זייט
אייגזאמקייט — — — — — — — — — — — — — 88
וואָרום ? — — — — — — — — — — — — 89
ביטאָ — — — — — — — — — — — — 90
דון־גריבעלאך — — — — — — — — — 91
אַ רעטעניש — — — — — — — — — — 92
צוויי מאָל צוויי — — — — — — — — — 93
* * * — — — — — — — — — — — 94—95
געדענקסטו ? — — — — — — — — — — 96
חרטה — — — — — — — — — — — — 97
צו א יתומה'לע — — — — — — — — — — 98

פון דער אלטער היים.

קאַרטוז־בערעזאַ — — — — — — — — 101—102
* * * — — — — — — — — — — — 103
זומער־לעב — — — — — — — — — — 104—105
דער ערשטער שניי — — — — — — — — 106—107
פאַר'ן יאריד — — — — — — — — — 108—109
דער סדר — — — — — — — — — — 110—111
שבועות — — — — — — — — — — 112—113
סכות א. ב. — — — — — — — — — 119—115
שניים אוחזין — — — — — — — — — — 116
דער גיהנום — — — — — — — — — 117—119
פינע — — — — — — — — — — — 120—121
דער אלטער גביר — — — — — — — — — 121—125
דער נייער נגיד — — — — — — — — — 126—131
אן איבערקעהרעניש — — — — — — — — 132—135
דערמאָהנט זיך מיר — — — — — — — 136—137
צוויי ברידער — — — — — — — — — 138—139
אויף יענער זייט סמבטיון — — — — — — 140—141
„אליו־נביא“ — — — — — — — — — 142—145
למד־ואו־צדיקים — — — — — — — — — 146—152

דער שדים-טאַנץ.

נעהם צו מיין האַרץ — — — — — — — — 155
אין גן־עדן — — — — — — — — — — 156—157

זייט
שטורעם־ליעדער — — — — — — — — — — — — 158
טויטע שיפען — — — — — — — — — — — — 159
בלוט און פייער — — — — — — — — — — — 160
אונזער הילף 1, 2 — — — — — — — — — 161—162
א בייט — — — — — — — — — — — — — 163
וואוהין ? — — — — — — — — — — — — 164
צוויי העלדען — — — — — — — — — — 165—166
א יום־טוב — — — — — — — — — — — — 167
אין שווערע טעג — — — — — — — — — 168—169

ביבלישע מאָטיווען.

שמשון'ס טויט — — — — — — — — — 173—177
דער ברודער־קריעג — — — — — — — — 178—181
יפתח — — — — — — — — — — — — 182—188
אביגיל — — — — — — — — — — — 189—196
דער נביא — — — — — — — — — — 197—202
קריעת ים־סוף — — — — — — — — — — — 203

צואוואָרפענע זאנגען.

ווידער וואַכען אויף פארלאנגען — — — — — 207
מיהלען — — — — — — — — — — — — 208—209
אין חודש מאי — — — — — — — — — — — 210
בליהען רויזען — — — — — — — — — — 211
דער קוואַל — — — — — — — — — — — 212
די גרויסע שטאָדט פון ווייטען — — — — — 213
געדאַרפט האָט זיין — — — — — — — 214
ליכט — — — — — — — — — — — — — 215
פון לאנד צו לאנד — — — — — — — — 216—217
ריעז מאנהעטען — — — — — — — — 218—219
מאָרגען־שטילקייט — — — — — — — — — 220
ביים וועג — — — — — — — — — — — — 221
באַגינען — — — — — — — — — — — 222—223
* * * — — — — — — — — — — — — — 224
שטאָדט און דאָרף — — — — — — — — 225—227
עוואָלוציאָן — — — — — — — — — — — 228

זייט

* * * — — — — — — — — — — — 229
אַ מאַמע — — — — — — — — — — — 230
די שלעכטע קאַץ — — — — — — — — 231—232
מאָדערנע — — — — — — — — — — — 233
ז'אָס ליעד פון דער האַרף — — — — — 234—237
מתנות, 1, 2, 3, 4 — — — — — — — 238—239
די בויער — — — — — — — — — 240—241
בלאָנדזשען צוויי מענשען — — — — — — 241—242
מענשעלאך — — — — — — — — — 243—244
פון ראבינדראנאטה טאַגאָר 1, 2 — — — — 244—245

פייערלאך.

טאָג און נאכט — — — — — — — — 246—247
נאַכט־אויגען — — — — — — — — — 247—248
דער וואַנדערער — — — — — — — — 248—249
א טראָפּען גיפט — — — — — — — — 250
צווייפעל — — — — — — — — — — — 251
הויכע ספערען — — — — — — — — — 252
דער מענש — — — — — — — — — — 253
דער שכר — — — — — — — — — — — 254
אַ סוף אָהן א סוף — — — — — — — — — 255